ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# אבקת רוכל

אידיש

**649**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל

ספר

# אבקת רוכל

דאס ספר האט מחבר געוועזען הרב רבינו מכ״ז

דער רבי פאן רש״י :

אין דעם ספר איז נכלל כמה דברים דהיינו דיא אותות ומופתים וואס װעלען געשעהען איי משיח װעט קאמען און וויא מען קאן ניצול ווערען פאן חבלי משיח אונ אויך כמה זאכען בענין דין ועונש גהינם ושכר עולם בא אונ נאך אנדערע זאכען וויא איהר וועט געפינ איטליכס אין זיין חלק פערטיילט.

# ספר הראשון.

אין דעם ערשטין ספר איז כולל דיא אותות ומופתים אונ מלחמות אונ דיא צרות וואס וועט גישעהן איי משיח וועט קומן אונ ווי מען קען ניצול ווערן דער פון: אין דאס ווערט צו טיילט אוף דרייא חלקים: החלק הראשון דאס ערשטי חלק איז דיא צעהן צייכין וואס וועט גישעהן אז משיח וועט קומן:

יתברך שמו של הקב"ה: גלובט איז נאמס נאמן ער האט אויס דר וויילט ישראל פון שבעים אומות אין ער באגער זיי מזכה צו זיין אונ האט זיי גיגעבין די תורה אין האט זי מאכין הערין די עשרת הדברות: אין קעגין די עשרת הדברות האבין אונזערע חכמים גיציילט צעהן מעלות אין די גרינגערע מעלה ברענגט צו דער העכערע מעלה ביז מען קומט צו דער העכסטע מעלה דאס איז דער רוח הקודש דען הקב"ה איז דער העכסטער איבר אלע: די ערשטע מעלה איז זהירות דאס איז אמענש מוז זיין גייארינט פון אחטא אונ פון אזאך וואס ברענגט צו איין עבירה איי די מעלה ברענגט צו דער אנדערע מעלה פון זריזות דאס איז דער מענטש זאל זיין גיפרישט צו טאן מצות אונ צו לערנען תורה אונ צו טאן מעשים טובים: אונ דאס ברענגט צו נקיות דאס איז מען זאל זיין לויטער אונ ריין פון כל חטאים ופשעים ומכל טומאה אונ דאס ברענגט צו טהרה דאס איז מען זאל זיין טהור פאר הקב"ה וזך ונקי כמים אונ דאס ברענגט צו קדושה דאס איז מען זאל זיין קדוש וטהור פאר הקב"ה אונ דאס ברענגט צו ירא חטא דאס איז מען זאל זיין איין ירא שמים אונ געליבט צו הקב"ה. אונ דאס ברענגט צו חסידות דאס איז מען זאל זיין איין חסיד אונ מען זאל גומל חסד זיין לכל הבריות: אונ דאס איז גורם צו רוח הקודש אז דיא שכינה איז אויף אים שורה דאס איז דיא העכסטע מעלה איבער אלע מעלות:

דעם שכר פון דיא צעהן מעלות איז ווען ער איז איין זהיר איז עם הקב"ה מציל פון כל צרה וצוקה ומשחית ופורעניות: אונ ווען ער

איז איין זר"ז במצוה מאכט אים הקב"ה ברייט זיין הארץ אונ דער לייכט זיינע אויגן אין דער תורה אונ ווען ער איז איין פרוש מאכט אים גאט פאר זיין געליבטען קנעכט אונ ווען ער איז איין נקי צו ברעכט הקב"ה זיינע פיינד פאר אים אונ ווען ער איז איין טהור ווערט ער גערופן דער ליב האביר פון הקב"ה אונ ווען ער איז איין קדוש ברייט אים הקב"ה אן צו עולם הבא אונ אז ער איז איין ענו מאכט אים הקב"ה פארשטיין סודות התורה אונ עפענט אים זיינע אוצרות פון חכמה אונ אז ער איז אחסיד מאכט הקב"ה אויף אים רוען דעם רוח הקודש אונ רעד צו אים וויא צו כל נביאים, אונ קענין דיא עשרת הדברות אונ דיא צעהן מעלות וועט הקב"ה טוען צעהן צייכן איידר משיח וועט קומען, הקב"ה זאל אונז מקרב זיין דיא גאולה, אמן.

האות הראשון דער ערשטער צייכן איז הקב"ה וועט אויפריכטין דרייא מלכים אונ זיי וועלין לייקענען אן הקב"ה אונ וועלין פאר רעדין דעם עולם און וועלין מבלבל זיין כל הבריות און אוך דיא פושעי ישראל וואס זענין מיאש פון דער גאולה וועלין אויך לייקענען אן הקב"ה און אויף דעם דור זאגט דר פסוק ותהי האמת נעדרת די בעלי אמת וועלין זיך איינזאמלין עדרים עדרים כתות כתות און וועלין אנטלופין און וועלין זיך איינזאמלין אין די היילן און גריבער פון ערד, און דיא נבורים וועלין איינגיטאן ווערין און די ווארהאפטיגע לייט וועלין בטל ווערין און די שערי חכמה וועלין באהאלטין ווערין אונ דר עולם וועט ווערין פארענדערט, און אין דער צייט וועט נים זיין צווישען ישראל קיין מלך און קיין נביא און קיין ראשי ישיבות און קיין חסידים ובעלי השם, און די שערי שמים אונ שערי פרנסה וועלין פארשלאסין זיין, און אין דר צייט אז משיח וועט זיך באווייזין וועט דר עולם פאלין גייענדיג מחמת גרוסע צרות וגזרות וואס דיא דרייא מלכים וועלין גוזר זיין, און הקב"ה וועט גוזר זיין אז דאס מלכות הרשעה זאל מושל זיין ניין

חדשים פון איין עק וועלט צוא דער אנדער, אונ וועלין גוזר זיין גזירות קשות, און דער מס וואס ישראל געבין ווערין גיטאפילט זיין פון איין גולדין ביז צעהן אונ ווער עס וועט ניט האבין צוא געבין וועט מען איהם דעם קאפ אפשניידין, אין דיא ניין חדשים וועלין זיך באנייען איין גזירה שווערער אז דיא אנדערע און אויך וועלין קומען מענשען פון עק וועלט וואס זענין זעהר מיאוס און ווער עס וועט זיי זעהן וועט שטארבין פאר פחד און ווערין ניט באדארפין מלחמה צו האלטין נור פון פחד וועט מען שטארבין, אין איטליכער וועט האבען קעפ אונ זיבען אויגען אונ וועלען ברענען אז פלאם פייער אין גרינג זיין אז דיא הערשען אין דיא קינדער פון ישראל ווערין זיך פארכטין אין וועלין שרייען אוי וויי וואס וועלין מיר טוען אין די עלטערין וועלין זיי ענפערען אצינד האפען מיר צו דער גאולה:

דער אנדערער צייכין וועט זיין הקב"ה וועט ברענגען איין היץ אויף דער וועלט פון דער זין אין מיני קדחת אין חלאים רעים אין דבר אין מגפה אין וועלין שטארבען פון די אומות אלף אלפים אלע טאג אין אלע די רשעים פון ישראל וועלין שטארבין ביז דיא אומות וועלין וויינען וויא צוא אונז וויא וועלין מיר זיין אדער אנטלופען אין וועלין זיך אויס גראבען איטליכער איין קבר בייא זייער לעבען אין וועלין חשק האבען צוא שטארבען אין וועלען זיך באהאלטען אין דיא פעלזען אין צווישען דערנער: אז זייא זאלען זיך אביסעל אפ קילען אין וועלען קומען אין היטען אין גריבער פון ערד אין דיא וועסט וועלין פרעגען ווי וועלין דיא צדיקים טוען פאר היץ הקב"ה וועט זיי מאכען איין רפואה אויס דער היץ:

דער דריטער צייכען הקב"ה וועט מאכען רינען טייא פון בלוט אין עס וועט זיך ווייזין פאר דיא אומות וויא וואסער אין זיי וועלין טרינקען דער פון אונ די רשעי ישראל וועלין אויך טרינקען

את וועלין שטארבען אונ די צדיקים וואס האלטין אן דער אמונה פון הקב"ה וועדין ניט געשעדיגט זיין:

דער פירטער צייכען הקב"ה וועט מאכען נידערין איין טויא פון רפואה צו דיא בינונים אין זיי וועלין טרינקען צו היילען די קרענק פון דער טויא פון בלוט:

דער פיפטער צייכין הקב"ה וועט מאכען די זין פינצטער דרייסיג טאג נאך דעם וועט הקב"ה מאכען שיינען ווי צום ערשטען אין דיא אומות וועדין זיך שעמען אין וועדין זיך פארכטען אין וועלין וויסען אז דאס איז אלץ פון ישראל וועגין אין טייל וועלין זיך בסתר מגייר זיין:

דער זעקסטער צייכין הקב"ה וועט מאכען קעניגען דאס מלכות הרשעה אוף דער גאנצער וועלט אין עס וועט אוף שטיין איין נייער מלך אין רום אין וועט קעניגען אין רום אוף דער גאנצר וועלט ניין חדשים אין וועט מחריב זיין מדינות אין וועט צערנען איבער ישראל אין וועט אויף זייא וארפען גרויס מס אין ישראל וועלין זיין אין דער צייט אין איין גרויסע צרה מחמת פיל גזירות נאך ניין חדשים וועט זיך באווייזן משיח בן יוסף אין זיין נאמען איז נחמיה בן חושיאל מיט שבט אפרים אין מנשה אין בנימין אין טייל פון שבט גד אין כל ישראל וועלין הערען פון כל המדינות אז עס קומט משיח וועלין זיך איינזאמלען איין טייל פון איטליכער מדינה אין פון איטליכער שטאט: אחד מעיר ושנים ממשפחה אין משיח בן יוסף וועט אן רייצען איין מלחמה מיט מלך אדום אין וועט הארגענען דעם מלך אדום אין חרוב מאכען רום אין וועלין ארויס ציהען איין טייל כלים פון בית המקדש אין וועט ברענגען קיין ירושלים ישראל וועדין איין זאמלען צו אים אין וועט הארגינן אלע מדינות וואס ארום ירושלים זענען אין זייא וועלין הערען די גאנצע וועלט וועט פאלין אויף זייא איין גרויסע אימה:

דער נייַנטער צייכין וועט מיכאל בלאזין איין תקיעה גדולה דא וועלין צו שפאלטין ווערען דיא קברים פון ירושלים אונ הקב"ה וועט מחיה מתים זיין אונ משיח אונ אליהו הנביא וועט גיין אונ וועלין לעבענדיג מאכין משיח בן יוסף אונ משיח בן דוד וועט גיין פון וועגין ישראל וואס זענען פאר שפרייט אין אלע לענדער אזו באלד וועלין אלע אומות זיי ברענגען צו טראגין אויף דער אקסיל צו גאט ב"ה:

דער צענטער צייכין וועט מיכאל בלאזין דיא דריטע תקיעה וועט הקב"ה אויס ציהען פון אינטערן סמבטיון אונ אנדערע לענדער אלע שבטים אונ דיא בני משה גאר אן צאל אונ אין זייא וועט ברענגען א פלאם פייער אונ אויף דער צייט אז דיא שבטים וועלין אויס גיין וועלין זייא ארום רינגלען דיא ענני כבוד אונ הקב"ה וועט גיין פאר זייא אונ ער וועט פאר זייא עפנען קוואלין פון עץ החיים אונ וועט זייא אן טרענקין. הקב"ה זאל אונז מזכה זיין צו זעהן דיא גאולה במהרה אונ דאס בהמ"ק אונ זאל אן אונז מקוים ווערין דיא נחמות וואס דיא נביאים האבין גיזאגט בבא"ם:

וכנגד אונ קעגין דיא צעהן צייכין וועט הקב"ה גרונד פעסטין ירושלים מיט צעהן ארליי אבנים טובות אונ הקב"ה וועט מוסיף זיין אונ בה"מ נאך צוויי ארליי אבנים טובות כדכוד אונ אקדח אונ קעגין דיא צעהן וועט הקב"ה אום קערין צעהן זאכען וואס איז אפ גיגאנגען אין אנדערן בה"מ דהיינו דער ארון אונ כרובים אונ שמן המשחה עצי המערכה אורים ותומים אונ רוח הקודש אונ נאך פינף אנדערע זאכען דען הקב"ה וועט מוסיף זיין דיא ליכט פון דער זון דריי הונדערט אונ דריי אונ פירציג מאל אזו פיל וויא זיא שיינט אצינד אונ דיא צדיקים וועט הקב"ה אויך אזו דער לייכטין וויא דיא זון אונ נאך וועט הקב"ה אום קערין דיא כתרים וואס ישראל האבין גיהאט אז זיי האבין דיא תורה מקבל גיוועזין אונ ישראל וועלין גיין מיט פויקין אונ וועלין

יִשְׂרָאֵל אַזוֹ וִויא זִילְבֶּער אִין דֶער טֶעסְט אוּנ דִיא אִיבָּער בְּלַייבּוּנְג פוּן יִשְׂרָאֵל דִיא קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים וֶועלִין זַיין אִין דֶער מִדְבַּר יְהוּדָה אוּנ וֶועלִין עֶסִין בְּלֶעטֶער אוּנ גְרָאז מִיט דֶעם וֶועלִין זֵיי אֵיין קִיוּם הָאבִּין אִין דֶער צַייט וֶועלִין שְׁטַארְבֶּעןְ אַלֶע רְשָׁעֵי יִשְׂרָאֵל וָואס זֶענֶען נִיט רָאוּי צוּ דֶער גְאוּלָה אוּנ עֶר וֶועט קוּמֶען אַרְמִילוּס הָרָשָׁע אוּנ וֶועט זִיךְ אוּם קֶערִין קֵיין יְרוּשָׁלַיִם חָרוּב צוּ מַאכִין דָאס אַנְדֶערֶע מָאל אָבֶּער גָאט וֶועט אִים נִיט הֶעלְפִין דֶער צוּ.

דֶער אַכְטֶער צֵייכִין עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטֶעלִין מִיכָאֵל הַמַלְאָךְ אוּנ וֶועט בְּלָאזִין שׁוֹפָר דְרַייא מָאל דִיא עֶרְשְׁטֶע תְּקִיעָה וֶועט זִיךְ בֶּעוַוייזִין מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד אוּנ אֵלִיָהוּ הַנָבִיא צוּ דִיא צַדִיקִים וָואס זֶענֶען אַנְטְלָאפִין קֵיין מִדְבַּר יְהוּדָה נָאךְ פִינְף אוּנ פֶערְצִיג טָאג וֶועט הקב"ה זַייא שְׁטַארְקִין דָאס הָאָרֶץ פוּן דִיא שְׁלָאפֶע אוּנ וֶועלִין הֶערִין כָּל יִשְׂרָאֵל וָואס זֶענֶען אִיבָּער גֶעבְּלִיבֶּען דֶען קוֹל שׁוֹפָר וֶועלִין זַייא ווִיסֶען אַז הקב"ה הָאט גִידֶענְקְט זַיין פָאלְק צוּ גִיטִין אוּנ אַז דִיא גְאוּלָה קוּמְט אַזוֹ וֶועלִין זִיךְ אֵיין זַאמְלִין אוּנ וֶועלִין אַלֶע קוּמֶען אוּנ פוּן דֶעם קוֹל וֶועלִין זִיךְ פַארְכְטִין אַלֶע אוּמוֹת אוּנ וֶועלִין פַאר קְרֶענְקְט וֶוערֶען אוּנ מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד אוּנ אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אוּנ דִיא יִשְׂרָאֵל וֶועלִין קוּמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ עֶר וֶועט הֶערִין אַרְמִילוּס הָרָשָׁע אַז עֶס אִיז אוּף גִישְׁטַאנֶען אֵיין מֶלֶךְ צוּ יִשְׂרָאֵל אַזוֹ בַּאלְד וֶועט עֶר אֵיין זַאמְלֶען אַלֶע חַיָילוֹת פוּן דִיא אוּמוֹת אוּנ וֶועט קוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטִין מִיט מָשִׁיחַ דָאס מָאל וֶועט הקב"ה דֶעם מָשִׁיחַ נִישְׁט מַאכִין בֶּעדַארְפִין מִלְחָמָה צוּ הַאלְטִין נַייעֶרְט עֶר וֶוערְט זָאגִין צוּ אִים זֶעץ דִיךְ אִין מַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אוּנ מָשִׁיחַ וֶועט זָאגִין צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל שְׁטֶעלְט אַייךְ וֶועט אִיר זֶעהֶן דִיא יְשׁוּעָה פוּן גָאט וָואס עֶר וֶועט לָאזִין נִידֶרִין פַייעֶר אוּנ שְׁוֶועבִיל פוּן הִימֶעל אוּנ אוֹיךְ גְרוֹיסֶע שְׁטֵיינֶער אַזוֹ בַּאלְד וֶועט אַרְמִילוּס הָרָשָׁע שְׁטַארְבֶּען עֶר אוּנ זַיין גַאנְץ חַיִל אוּנ אֱדוֹם אוֹיךְ אוּנ דֶער צַייט וֶועלִין יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען זֵייעֶר גְרוֹסֶע נְקָמוֹת:

דער ניינטער צייכין וועט מיכאל בלאזין איין תקיעה גדולה דא וועלין צו שפאלטין ווערען דיא קברים פון ירושלים און הקב"ה וועט מחיה מתים זיין און משיח און אליהו הנביא וועט גיין און וועלין לעבעדיג מאכין משיח בן יוסף און משיח בן דוד וועט גיין פון וועגין ישראל וואס זענען פאר שפרייט אין אלע לענדער אזו באלד וועלין אלע אומות זיי ברענגען צו טראגין אוף דער אקסיל צו גאט ב"ה:

דער צענטער צייכין וועט מיכאל בלאזין דיא דריטע תקיעה וועט הקב"ה אויס ציהען פון אינטערן סמבטיון און אנדערע לענדער אלע שבטים און דיא בני משה גאר אן צאל און אין זייא וועט ברענגען א פלאם פייער און אויף דער צייט אז דיא שבטים וועלין אויס גיין וועלין זייא ארום רינגלען דיא ענני כבוד און הקב"ה וועט גיין פאר זייא און ער וועט פאר זייא עפנען קוואלין פון עץ החיים און וועט זייא אן טרענקין. הקב"ה זאל אונז מזכה זיין צו זעהן דיא גאולה במהרה און דאס בהמ"ק און זאל אן אונז מקוים ווערין דיא נחמות וואס דיא נביאים האבין גיזאגט בבא"ס:

וכנגד און קעגין דיא צעהן צייכין וועט הקב"ה גרונד פעסטין ירושלים מיט צעהן ארליי אבנים טובות און הקב"ה וועט מוסיף זיין און בה"מ נאך צוויי ארליי אבנים טובות כדכוד און אקדח און קעגין דיא צעהן וועט הקב"ה אום קערין צעהן זאכען וואס איז אפ גיגאנגען אין אנדערן בה"מ דהיינו דער ארון און כרובים און שמן המשחה עצי המערכה אורים ותומים און רוח הקודש און נאך פיניף אנדערע זאכען דען הקב"ה וועט מוסיף זיין דיא ליכט פון דער זון דריי הונדערט און דריי און פירציג מאל אזו פיל וויא זיא שיינט אצינד און דיא צדיקים וועט הקב"ה אויך אזו דער לייכטין וויא דיא זון און נאך וועט הקב"ה אום קערין דיא כתרים וואס ישראל האבין גיהאט אז זיי האבין דיא תורה מקבל גיוועזין און ישראל וועלין גיין מיט פויקין און וועלין

שְׁפִּילֶען אוּנ טַאנְצֶען אוּנ דִיא בְּרָכָה וֶועט זַיין אוֹיף דֶער תְּבוּאָה דָאס אִיז צֶעהִין זַאכֶען קֶענִין דִיא צֶעהִין וֶועט הקב"ה גֶעבִּין צֶעהִין אַרְלֵיי גְאוּלוֹת אוּנ נְחָמוֹת וָואס הקב"ה הָאט דיא יִשְׂרָאֵל צו גִיזָאגְט דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז דָאס מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט הִנֵּה מַלְכֵּךְ יָבֹא לָךְ דָאס אִיז דַיין מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ וֶועט צוּ דִיר קוּמֶן דָאס אַנְדֶערֶע הקב"ה וֶועט אֵיין זַאמְלִין יִשְׂרָאֵל פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין יִרְמְיָה הִנֵּה מֵבִיא אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ צָפוֹן וְקִבַּצְתִּים מִיַרְכְּתֵי אָרֶץ בָּם עִוֵּר וּפִסֵּחַ וָואס אִיז עִוֵּר וּפִסֵּחַ דָאס הֵייסְט הקב"ה וֶועט מַאכִין לֶעבֶּעדִיג אִיטְלִיכֶען צַדִיק וִויא עֶר אִיז גִיוֶועזִין בַּיי זַיין לֶעבֶּען דְהַיְינוּ אַז עֶר אִיז גִיוֶועזִין בְּלִינְד וֶועט עֶר אוֹיף שְׁטֵיין בִּתְחִיַית הַמֵּתִים בְּלִינְד אוּנ וֶוען עֶר אִיז גִיוֶועזִין קְרוּם וֶועט עֶר אוֹיף שְׁטֵיין קְרוּם אוּנ דֶעסְט גְלַייכִין וָואס פַאר אֵיין מוּם כְּדֵי אַז אֵיינֶער זָאל דֶער קֶענֶען דֶעם אַנְדֶערֶען אַז מֶען זָאל נִיט מֵיינֶען דָאס זֶענֶען גָאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשֶׁען אוּנ דֶער נָאךְ וֶועט זַייא הקב"ה הֵיילִין פוּן זַיירֶע מוּמִין: דָאס דְרִיטֶע אִיז תְּחִיַית הַמֵּתִים וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דָנִיאֵל וְרַבִּים מִישֵׁנֵי עָפָר יָקוּצוּ דָאס אִיז טַייטְשׁ אוּנ פִיל פוּן דִיא וָואס שְׁלָאפִין אִין דֶער עֶרְד וֶועלִין אוֹיף וַואכִין: דָאס פִירְטֶע אִיז דָאס בִּנְיַין בה"מ אזו וִויא עֶר הָאט עֶס גִיזֶעהִין יְחֶזְקֵאל אִין דֶער נְבוּאָה: דָאס פִיפְטֶע אִיז דָאס יִשְׂרָאֵל וֶועלִין קִינִיגִין פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶע וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ וֶועל אוּם קֶערִין כָּל אוּמוֹת זַייא וֶועלִין רֵיידִין אֵיין לוּיטֶער לָשׁוֹן אוּנ וֶועלִין אַלֶע אָן רוּפִין גָאטְס נָאמֶען: דָאס זֶעקְסְטֶע הקב"ה וֶועט מַאכִין פַאר לִירֶען אַלֶע פֵיינְד פוּן זַיין פָאלְק אוּנ וֶועט אָן זַייא טוּעֶן נְקָמוֹת: דָאס זִיבֶּעגְטֶע הקב"ה וֶועט אָפּ טוּעֶן פוּן יִשְׂרָאֵל אַלֶע קְרֶענְק אוּנ וַויי טָאג וִויא עֶס שְׁטֵייט אוּנ עֶר וֶועט נִיט נָאגֶען יִשְׂרָאֵל וָואס רוּעֶן אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיךְ בִּין קְרַאנְק: דָאס אַכְטֶע הקב"ה וֶועט דֶער לֶענְגֶערִין דִיא טֶעג פוּן יִשְׂרָאֵל אַזוּ וִויא דֶער עֵץ הַחַיִּים דֶען עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז דִיא טֶעג פוּן דֶעם עֵץ הַחַיִּים

וועט זיין דיא טעג פון מיין פאלק: דאס ניינטע הקב"ה וועט זיך אנטפלעקין צו ישראל פנים אל פנים און כל ישראל וועלין זיין נביאים: דאס צעהנטע הקב"ה וועט אפ טוען דען יצר הרע און אלע בייזע זאכען פון ישראל וויא אין פסוק שטייט איך וועל אייך געבען איין ניי הערץ און אניי געמיט וועל איך געבען צו אייך און איך וועל אפ טוען דאס שטיינערנע הערץ פון אייך און וועל אייך געבען איין הערץ פון פלייש דאס מיינט מען איין גוט הערץ אמן:

## חלק השני.

דען זייט וויסען דס איז כתוב וחתום פאר הקב"ה אז דיא גאולה וועט ניט קומען ביז ישראל ווערין תשובה טון און אויך וועלין ישראל אויס געלייזט ווערין בזכות שבת און אז ישראל וועלין תשובה טון וועט קומען די גאולה בשלום ובנחת און משיח וועט קומען קיין ירושלים און די ישראל וועלין זיך איין זאמלן בשלום און אוב ח"ו ישראל וועלין קיין תשובה טון וועט הקב"ה אויף זיי געבען איין מלך וויא המן הרשע וועלין זייא בעל כרחם תשובה טון דורך דיא יסורין: זעה וויא געליבט יסורים זענען דאס כל הנביאים האבען ניט קענען מנשה המלך מאכען תשובה טון נאר דורך יסורים האט ער תשובה געטון. דיא מלכים וועלין זייא פאר טרייבען אויס זייערע מדינות אין דיא מדבריות אריין און דארט וועלין שטארבין אלע רשעים פון ישראל און וועלין איבר בלייבן אלע צדיקים געלייטערט וויא זילבער און עס זאל דיר ניט קשה זיין אז הקב"ה וויל האבין אונזער תשובה לאז ער ״״ שיקען איין נביא וויא צום ערשטען דאס קען ניט זיין דען עס שטייט אין ירמיה ביז וויא לאנג וועסטו דיך פאר בארגען פון תשובה טוען דען נאט האט איין נייעם בעשאפין אויף דער וועלט איין נקבה מוז אום רינגלען און זוכען דעם מאן כלומר איר מוזט ערשט תשובה

טאן דער נאך ווערט איך הקב"ה אויס לייזען את ישראל וועלין ניט ווערין אויס געלייזט סיידין דורך איין צרה דיא גמרא זאגט עס ווערט זיין איין גרויסע צרה צווישען דער פמליא של מעלה אונ צווישען דיא תלמידי חכמים אויף דער ערד ווערט אויך זיין איין קריג דען עס שטייט אין דניאל וויא מיכאל אונזער שר ווערט בלייבען שטיין וויא איין שטימער דען הקב"ה ווערט זיך טראכטין וויא זאל איך דען מאכען פאר לידען אזוי איין גרויסע אומה פון ישראל וועגען אונזערע חכמים האבען געזאגט דאס דור וואס משיח ווערט קומען קומען גרויסע צרות אונ גזירות רעות וועלין זיך בעניעען איי דיא ערשטע ווערט אוועק גיין ווערט דיא אנדערע קומען אונ דורך תשובה ווערט דיא גאולה קומען בשלום ובנחת וויא עס שטייט ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב אונ דער גואל דאס מיינט מען משיח בן דוד ווערט איין זאמלען דיא ישראל אונ ווערט אן רופען איטליכען מיט זיין נאמען אונ דיא גמרא זאגט אז הקב"ה האט דיא וועלט בעשאפען האט ער ארונטער גיטאן זיין האנט אונטער דען כסא הכבוד אונ האט אויס גיצוגין דיא נשמה פון משיח אונ האט צו אים געזאגט ווילסטו בעשאפען ווערען אז דיא זאלסט אויס לייזען מיינע קינדער האט ער געזאגט יוא האט גאט גיזאגט צו אים דיא מוסט אבער יסורין ליידין אז דיא זאלסט אפ קומען זייערע זינד האט ער געענפערט איך וויל זייא ליידין בשמחה האט אים גאט גיזאגט אז דיא וועסט קומען וועלען דיא צדיקים לעבעדיג ווערין האט ער גיזאגט יהי רצון אז כל ישראל זאלין לעבעדיג ווערין אפילו דיא נייפליך אונ דיא גמרא זאגט אין סנהדרין וואס זאל דער מענטש טאן אז ער זאל ניצול ווערין פון חבלי משיח ער זאל עוסק זיין בתורה אונ אין גמילות חסדים אונ אויך בזכות התפלה ווערט אויך דיא ישועה קומען אונ אין פרק חלק זאגט דיא גמרא איי משיח ווערט קומען ווערט דאס מלכות הרשעה קיניגין ניין חדשים אונ משיח ווערט נישט אנדערשט קומעי

ביז ישראל וועלין זיך מייאש זיין פון דער גאולה ווארום דרייא זאכען קומען בהיסח הדעת איז איינס דער פון משיח ער זאגט רבי יצחק עס זאל אויס גיין די נשמה פון די לייט וואס רעכנען דעם קץ פון דער גאולה דען זיי זאגין ווען ער קומט ניט צו דער צייט אזוי וועט ער שוין נישט קומען נייערט ווען ער קומט נישט זאלסטו דאך צו אים האפין: עס שטייט אין איכה איך וועל דיר טאן וואונדער אזוי וויא די ביסט גיגאנגען אויס מצרים האבען אונזערע חכמים גיזאגט אזוי וויא הקב"ה האט גיצאלט די מצרים אין מצרים ער האט אויף זייא גיבראכט עשר מכות אזויא וועט הקב"ה ברענגען אויף אדום אונ נאך זיבען זאכען וועט הקב"ה ברענגען אויף אדום וויא אין פסוק שטייט איך וועל זיי משפטען מיט מארד אונ מיט בלוט אונ פאר פלייטצען שטארים רעגין אונ האגיל שטיינער אונ פעך וועל איך מאכין רעגנען אויף אים אונ אויף זיינע חיילות אונ ווינט פון פאר ברענונג איז די גאב פון זייער בעבער אונ הקב"ה וועט אראפ ווארפען דעם ס"ם דאס איז דער שר פון אדום אונזער גמרא זאגט הקב"ה צאלט נישט אנדערשט די אומה ביז ער צאלט פריר דעם שר אונ אוך די מצרים האט הקב"ה נישט דער טרענקט ביז ער האט פריר זייער שר אראפ גיווארפען דען אז ישראל זענען ארויס גענאנגען אויס מצרים האבען זייא די מצרים נאך געיאגט האבען זייא אויף געהויבען זייערע אויגין צום הימעל האבען זייא גיזעהן דען שר פון מצרים איז געפלויגען אין דער לופטען דער נאך האט אים גאט אוך דער טרענקט: אונ אוך בייא סיחון אונ עוג האט הקב"ה געבונדען זייערע שרים אונ האט זייא געלייגט אונטער די פוס פון משה רבינו אונ אז הקב"ה וועט דעם ס"ם אראפ ווארפען וועלען מיט אים פאלען אלע מלכי חבלה אונ אלע שרים פון די אומות:

ער זאגט רבי אלעאי לעתיד לבא וועט הקב"ה ברענגען דעם יצר הרע אין וועט אים שעכטין פאר די צדיקים אונ פאר די

רְשָׁעִים פַאר דִי צַדִיקִים וֶועט עֶר זִיךְ וַוייזְן ווִי אֵיין גְרוֹסֶער בַּארג אִין פַאר דִיא רְשָׁעִים וֶועט עֶר זִיךְ וַוייזְן וִויא אֵיין הָאר דִין: דִיא צַדִיקִים וֶועלְן וַויינֶען ווִיא הָאבֶּען מִיר אַזוֹי אֵיין גְרוֹסֶען בַּארג גִיקָאנְט אִיבֶּער קוּמֶען אוּנ דִיא רְשָׁעִים וֶועלְן וַויינֶען וִויא הָאבֶּען מִיר נִישְׁט גִיקָאנְט אִיבֶּער קוּמֶען אַזוֹי אֵיין הָאר:

חַיָיב אָדָם אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז שׁוּלְדִיג צוּ הַאלְטֶען זַיין רֶבִּי בְּכָבוֹד מֵיין פוּן זַיין פָאטֶער דֶען דֶער פָאטֶער הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִים צוּ עוֹלָם הַבָּא רַבִּי אֱלְעָזָר בֶּן חִסְמָא זָאגְט וֶוען אֵיינֶער אִיז מְחַלֵל אוּמְזִיסְט זַיין רֶבִּי אוּנ וֶוען אֵיינֶער גִיט שָׁלוֹם זַיין רֶבִּי אוּנ רִיפְט אִים נִישְׁט רֶבִּי אוּנ וֶוען עֶר קְרִיגְט אוֹיף זַיין יְשִׁיבָה אוּנ דֶער וָואס זָאגְט אֵיין זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן זַיין רֶבִּי אִיז זַיין עָון אַזוֹי גוֹרֵם וִויא דֶער עָון פוּן קַיִן אוּנ פוּן דוֹר אֱנוֹשׁ וָואס זֵייא הָאבִּין גוֹרֵם גִיוֶועזְן דִיא שְׁכִינָה זָאל זִיךְ אָפּ טָאן פוּן דֶער וֶועלְט דֶען אַז הקב"ה הָאט דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפֶען הָאט עֶר גִיגְלוּסְט צוּ רוּהֶען צְווִישֶׁען דִיא מֶענְשֶׁען אַזוֹ ווִיא אוֹיף דֶעם הִימֶעל, הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גִיזִינְדֶעגְט אִיז עֶר אַרוּפְגִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטֶען הִימֶעל, הָט קַיִן גִיזִינְדֶעגְט אִיז עֶר אַרוּפְגִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶן הִימֶעל, הָאט דָאס דוֹר אֱנוֹשׁ גִיזִינְדֶעגְט אִיז עֶר אַרוּפְגִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם דְרִיטֶען הִימֶעל. אִין דוֹר הַמַבּוּל אִיז עֶר אַרוּפְגִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם פִירְטֶען הִימֶעל. אִין דוֹר הַפְלָגָה אִיז עֶר אַרוּפְגִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם פִיפְטֶען הִימֶעל, הָאבֶּען דִי אַנְשֵׁי סְדוֹם גִיזִינְדֶעגְט אִיז עֶר אַרוּפְגִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם זֶעקְסְטֶען הִימֶעל. הָאבֶּען אַמְרָפֶל מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים גִיזִינְדֶעגְט אִיז עֶר אַרוּפְגִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם זִיבֶּעטְען הִימֶעל אִין אִיז גִיזֶעסֶען בִּיז עֶס אִיז גִיקוּמֶען אַבְרָהָם אִיז עֶר גִינִידֶערְט אוֹיף דֶען זֶעקְסְטֶן הִימֶעל אִיז גִיקוּמֶען יִצְחָק הָאט עֶר גִינִידֶערְט אוֹיף דֶען פִיפְטֶען הִימֶעל, אִיז גִיקוּמֶען יַעֲקֹב הָט עֶר גִינִידֶערְט אוֹיף דֶען פִירְטֶען הִימֶעל. אִיז גִיקוּמֶען לֵוִי הָאט עֶר גִינִידֶערְט אוֹיף דֶעם דְרִיטֶען הִימֶעל, אִיז גִיקוּמֶען קְהָת הָאט עֶר גִינִידֶערְט אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶן הִימֶעל, אִיז

גיקומען עמדם האט ער גינידערט אויף דעם ערשטען הימעל, ביז
עס איז גיקומען משה רבינו האט גאט ב"ה גינידערט אויף דער
ערד אויף דעם בארג סיני ד"ח נאך האט ער גירועט אין קדשי
הקדשים ביז זיי האבען גיזינדעגט די זיבען משפחות פון ישראל
איז ער ווידער ארופגיגאנגען אויף די זיבען הימלען, אונזערע חכמים
האבען גיזאגט אייביג איז די שכינה ניט אוועק גיגאנגען פון כותל
מערבי:

אויף דריי זאכען וויינט הקב"ה, אויף דעם וואס קען נישט לערנען
אונ לערענט יוא, אונ אויף דעם וואס קאן לערנען אונ לערענט
ניט, אונ אויף איין פרנס וואס האלט זיך בגאוה איבער דעם קהל
בחנם. אונזערע חכמים האבען גיזאגט אמענש זאל פארקויפען וואס
ער האט אונ זאל נעמען אבת תלמיד חכם דען ווען ער שטארבט
אדער ער ווערט פרטריבען איז ער בטוח אז זיינע קינדער וועלן
זיין תלמידי חכמים אונ זאל נישט נעמען קיין בת עם הארץ דען
זיינע קינדער וועלען אויך בלייבען עמי הארץ. אייביג זאל אמענש
פרקויפען וואס ער האט אונ זאל געבען זיין טאכטער צו אתלמיד
חכם אונ זאל נעמען אבת תלמיד חכם, ווען נישט זאל ער נעמען
אבת גדולי הדור, ווען נישט זאל ער נעמען אבת ראשי כנסיות
ווען ניט זאל ער נעמען אבת גבאי צדקה, ווען ניט זאל ער נעמען
אבת מלמדי תינוקות און זאל ניט נעמען אבת עם הארץ:

רבי עקיבא האט גיזאגט אז איך בין גיוועזן איין עם הארץ האב
איך גיזאגט ווי נעם איך אתלמיד חכם וועט איך אים גיביסן
ווי איין אייזעל וואס בייסט אונ צוברעכט אביין מיט דעם בייסען:

די גמרא זאגט ווען מען גיבט זיין טאכטער צו איין עם הארץ פר
אוייב איז גלייך ווען ער וועט זי גיבונדען און אנידער גילייגט
פאר אלייב דען אזוי ווי אלייב צוטרעט דאס פלייש דערנאך עסט
ער עס אונ האט קיין בושה ניט אזוי אויך איין עם הארץ שלאגט
דאס ווייב דערנאך ליגט ער מיט איר און האט קיין בושה נישט,
די חכמים זאגען ווער הייסט איין עם הארץ דער וואס לייגט קיין

קְרִיאַת שְׁמַע נִישְׁט אִין דֶער פְרִיה אוּן אוֹיף דֶער נַאכְט. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט דֶער וָואס לֵייגְט קֵיין תְּפִילִין נִיט, בֶּן עַזַאי זָאגְט דֶער וָואס גֵייט אָן צִיצִית, רַבִּי נָתָן זָאגְט דֶער וָואס הָאט קִינְדֶער אוּן גִיוֵוינְט נִיט תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען, אוּן אַנְדֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז אַלְמְדָן נוּר עֶר הָאט נִישְׁט בַּאדִינְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הֵייסְט עֶר אוֹיךְ אֵיין עַם הָאָרֶץ, אוּן אוֹיךְ זָאגֶען דִי חֲכָמִים דֶער וָואס לֶערֶענְט תּוֹרָה אִיז אִים דִי תּוֹרָה מְחַיֶה לְעוֹלָם הַבָּא אָבֶער דֶר וָואס לֶערֶנְט נִיט תּוֹרָה אִיז אִים דִי תּוֹרָה נִיט מְחַיֶה לְעוֹלָם הַבָּא. דִי גְמָרָא זָאגְט אִין סַנְהֶדְרִין צוּ וָואס אִיז אַתַּלְמִיד חָכָם גְלַייךְ אִין דִיא אוֹגֶען פוּן דֶעם עַם הָאָרֶץ וִוי אַגוֹלְדֶען קְרִינְגֶעל אוּן אַז עֶר רֶעט מִיט אִים אִיז עֶר שׁוֹן נוּר בַּיי אִים חָשׁוּב וִוי אַזִילְבֶּערֶן קְרִינְגֶעל אוּנ אַז עֶר עֶסְט בַּיי אִיהְם אִיז עֶר בַּיי אִיהְם חָשׁוּב אַז אֵיין עֶרְדֶערֶען קְרִינְגֶעל. רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט אֵיין עַם הָאָרֶץ וָואס עֶר וֶוערְט עֶלְטֶר וֶוערְט עֶר אַלְץ נַארִישֶׁער אָבֶער אַתַּלְמִיד חָכָם וָואס עֶר וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט עֶר אַלְץ מֵיין קְלוּגֶער:

---

ספר שני.

## חלק ראשון.

דָאס אִיז צוּ וִויסֶען דָאס עִנְיָן פוּן דֶער נְשָׁמָה אַז זִי גֵייט אַרוּם אוּם דֶעם גוּף וִוהִין זִי גֵייט אוּן וִוהִין זִי קוּמְט אוּן וָואס זִי טוּט אַז זִי גֵייט אַרוּם אוּם דֶעם גוּף:

דֶע זַיי וִויסֶען דָאס עֶס אִיז זֶעהְר קָשֶׁה דִי פִּילוֹסוֹפִים אוֹיף אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים וָואס זָאגֶען אֵיין עִנְיָן פוּן דֶער נְשָׁמָה וָואס זִי טוּט אַז זִי גֵייט אַרוּם אוּם דֶעם גוּף, אוּנ עֶס אִיז אוֹיךְ דָא לַייט פוּן אוּנְזֶער אוּמָה יִשְׂרְאֵלִית וָוס הַאלְטֶען זִיךְ אוֹיךְ אָן דִי רֵייד פוּן דִי פִּילוֹסוֹפִים וָוס זֵייעֶרֶע רֵייד זָענֶען נוּר מִיט דֶעם שֵׂכֶל פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען דֶען זֵייא זָענֶען נִיט מַשִּׂיג מֵיין וִוי זֵייעֶר שֵׂכֶל אוּנ זֵיי זָאגֶען דָאס דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג פוּן לֶערְנֶען אוּן זָאגֶען אַז דִיא תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ אוֹיף דֶעם סֵדֶר גִישְׁטֶעלְט גִיוָוארֶען אוּן זֵיי זָענֶען זִיךְ נִיט מְיַשֵּׁב אַז

דר שכל און מחשבה פון הקב"ה איז ניט אַז דר שכל פון מענשן ווי קאָן דען אונזער שכל און מחשבה משיג זיין די תורה וואָס זי איז דער שכל פון הקב"ה. און ווען עס איז ניט אַזוי וואָס האָט הקב"ה באַדאַרפט צו מאַכען ציטערען הימעל און ערד מיט דונער און בליץ, מיר זעהן דאָך דיא פילוסופים זאָגען זייערע רייד און מען הערט ניט קיין דונער און בליץ, דרום מוז זיין עס איז ניט מעגליך אַז מען זאָל דערקלערען די מחשבה פון הקב"ה דען ווי וואל דאָך משה רבינו ער איז אַגרויסער חכם גיוועזן דער צו האָט ער פאָרט ניט גיקאָנט משיג זיין אַפילו אַרמז פון דער תורה ביז הקב"ה האָט אים גימוזט געבען צו פאַרשטיין. און די פילוסופים ווען זיי זעהן אַזאַך פון דער תורה אָדער גמרא לייגן זיי עס אום נאָך זייער שכל און פרעגן אַלס קשות, און דאָס איז ווייסינגליך אַז כל התורה איז גאָר נאָר דער שכל פון הקב"ה און עס איז ניט דאָ אַמינצטע זאַך אָדער אַמעשה וואָס אין דר תורה שטייט דאָס עס זאָל ניט שטיין דאַרויף די גאַנצע וועלט:

נוא לאָמער ווידער אומקערען צו דעם וואָס מיר האָבן אָנגיהויבען צו רעדען פון די נשמה וויהין זי גייט אַז זי גייט אום דעם גוף אַרויס און אויב זי ווייסט עפעס פון דעם גוף וואָס זי האָט איבער גילאָזט, דיא נשמה אַז זי גייט אַרויס אום דעם גוף גידענקט זי אָן דעם גוף און טרויערט וואָס זי האָט זיך אָפגישייד פון דעם גוף און דו וועסט וועלען פרעגען ווי קאָן דאָס זיין אַזוי, דען אַז די נשמה גייט אַרויס פון דעם גוף בלייבט ער ווי אַשטיין ליגען ווי קאָן דאָס זיין אַז אַזאַך וואָס איז הויך לדרך הטבע דער תירוץ איז דאָס איז געווים אמת דען די תורה איז אויף דעם מעיד אויף כמה מקומות און אונזערע חכמים ברענגען אויך דאָס זעלביגע דען דיא גמרא זאָגט מעז טאָר ניט זאָגען איבער אַמת נור אַזעלכע זאַכען וואָס גייט אָן דעם מת נו ווען דער מת זאָל ניט הערען וואָס מען רעט וואָס איז אַחילוק צווישן די זאַכען פון אַמת אָדער אַנדערע זאַכן און אויך זאָגט די גמרא אין תענית נאָך וואָס גייט כען אויף דעם

בה הקברות כדי די מתים זאלן בעטן אויף די לעבדיגי נוא מוז זיין דאס איז גווים אמת אז חאטשי דיא נשמה איז ארוים גיגאנגן וייסט דר גוף דאך אלדינג דען וועמן דם נישט אזוי איז ווי זאלן דען אזעלכי חכמים זאגין אזעלכע זאכען וואס נישט איז מוז זיין דם דאס איז גווים אמת וום אונזרי חכמים האבן גיזאגט אונ וואל צו דעם וום הערט צו זייערי רייד. אונזרי חכמים זאגען די נשמה אז זי גייט ארוים אוים דעם גוף טרויערט זי אוף איס אונ מען איז זיא דן נאך איהר מעשים נאך, נאר עס איז צו פרעגין מיט וואס איז מען זי דן נאר דר אמת איז די נשמה אז זי איז אוף דם עולם איז זי געבונדן אונ דעם גוף אונ זי איז איין גירעכט מיט במעשים פון דם גוף. אונ אז הקב"ה וויל זי ריינגן ריינגט ער זי נאר מיט פייער דען איר שורש איז פון פייער אונ עס איז צו לערנין פון דר חיה וום הייסט סלמנדר"א דען ווען מען ברענט אויף איין ארט פייער זיבן יאר ווערט בשאפן אויף דעם ארט איין חיה וום זיא הייסט סלמנדר"א אונ ווען מען מאכט איין קלייד פון די האר פון די חיה קאן מען עס אנדרש נישט וואשן נאר אין פייער אזו נישט אנדרש די נשמה אוך ווען מען וויל זי לייטרין קען מען זי נישט ריינגן נאר אין פייער פון גיהנם:

אונ אויך האבן אונזרי חכמים גיזאגט אז זי גייט ארוים אוים דעם גוף אונ זיא איז לויטר אונ ריין גייט זיא אונ גן עדן אריין דארטן זיך צו זענפטין אונ איז זוכה צו זעהן דם ליכט פון אייביג לעבין אונ אויך האבין אונזרי חכמים גיזאגט אז אלי די עולמות זענין אלי איין גלייכען דהיינו וום אוף דם עולם איז איז אוף יענם עולם וויא וואל דאך דם יענער עולם איז העכער מיט כמה וכמה מעלות אונ מספר פון דעם עולם השפל דאך זענין זי גלייך אונ דער זאך דהיינו עס איז פר האנדען ירושלים אויף דר וועלט אונ אויף יענער וועלט איז אויך דא איין ירושלים עס איז אויף יענם עולם אויך איין גן עדן אונ די טוערין זענין אויף וויא פיל ערטער

און איז דאָ איין טיר גענבען דר מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה און אַז די נְשָׁמָה איז לויטֶער קומט זי בַּאלְד אַהין און זי גייט צו אָדָם הָרִאשׁוֹן און פון דאָרְט גייט זי גְלַייך און גן עֵדֶן וָוס אויף דר וָועלְט איז און זי איז דאָרְט אַזוֹ לַאנג ווי מֶען הָט איר איין צייט גישְׁטֶעלְט זי קָאן בַּאלְד נִישְׁט קוּמֶען און יֶענֶעם גן עֵדֶן אַריין וָוס אויף יֶענֶעם עוֹלָם איז דֶען זיא איז און גן עֵדֶן וָוס איז אַזוֹ איין גְלַייכֶן ווי די וֶועלְט און אויך איין גְלַייכֶן ווי יֶענֶע וֶועלְט און זיצְט דָארְט בִּיז די צַייט אויס גייט וָוס מֶען הָט איר גִישְׁטֶעלְט זיא זָאל דָארְט זַיין און דֶר נאָך קוּמְט זיא און גן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן אַרַיין, אויך הָאבֶען דיא חֲכָמִים גֶעזָאגְט אויף דֶעם פָּסוּק וָוס דָוִד הַמֶלֶךְ הָט גֶעזָאגְט זַיי הָאבֶּן מִיךְ פַר טְרִיבֶען פון צו זַיין בַּהֶעפְט אָן נַאחְלַת אַדֹנָי. און זַיי הֵייסֶן מִיר דינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, איז קָשֶׁה וֶוער הָאט דֶען גֶעהֵייסֶען דָוִד הַמֶלֶךְ עֲבוֹדָה זָרָה דינֶן נָאר דָם פֵּירוּשׁ דֶר פון איז אַז דֶר וַוייל עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹפֶען פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז גְלַייךְ וֶוען עֶר וֶועט עֲבוֹדָה זָרָה גֶעדִינְט דֶען וֶוער עֶס וואוּנְט אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז גְלַייךְ אַז עֶר הָט יוֹא איין גָאט אָבֶּר דֶר וָוס וואוּנְט אין חוּץ לָאָרֶץ איז גְלַייךְ סְעֶן עֶר הָט קיין גָאט נִישְׁט און וֶוען איינֶר שְׁטַארְבְּט אין א"י גייט די נְשָׁמָה בַּאלְד אַרוּיף אָבֶּער וֶוען איינֶר שְׁטַארְבְּט אין חוּץ לָאָרֶץ מוּז עֶר עֶרְשְׁט מְגוּלְגָל וֶוערִין אין כַּמָה גִלְגוּלִים, דֶר פון איז גֶעוּוִיזִין אַז די נְשָׁמָה פון צַדִיקִים גייט בַּאלְד אַרוּיף אוּם אויף גֶעהַאלְטֶן:

און עֶס זָאל בַּיי דיר נִישְׁט קְלֵיין זַיין און דַיינֶע אויגֶן דָם גַן עֵדֶן שֶׁל מַטָה דֶען וֶוער איז זוֹכֶה צו קוּמֶען אַהין נִישְׁט אִיטְלִיכֶער איז זוֹכֶה דֶער צוּ, און וֶוען איינֶר וֶועט וֶועלין פְרֶעגִין דיא גַאנְצֶע וֶועלְט איז זיך מוֹדֶה דָם די נְשָׁמָה גייט און גַן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן און אין אֶמֶת וֶוייסֶן מִיר אַז אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב און אַנְדֶרִי חֲסִידִים זֶענִין בְּוַדַאי רָאוּי צוּ קוּמֶן און גַן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן אַרַיין און אוּנְזֶרִי חֲכָמִים זָאגֶען אַז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי איז גֶעגַאנְגֶן לֶעבְּדִיגֶערְהֵייט און גַן עֵדֶן אַרַיין און אויך זָאגֶען זַיי אַז עֶס איז און גַן עֵדֶן וָוס אויף דֶר עֶרְד

פר האנדען איין היכל וואס זיצען דרינען אברהם יצחק ויעקב צום העכסטען אונ אין איין היכל זענין אנדערי צדיקים אין איין אנדר היכל זענין אנדערי צדיקים אונ אין איין אנדרין היכל זענין אלע גרים, אונ אנדרין היכל זענין דיא עשרה הרוגי מלכות אונ איין אנדער היכל זענין די וואס האבן אויף זיך מקבל גיוועזען יסורים, אונ וועסט וועלין מיינען דס מיינט מען דס אייבערשטי גן עדן דס קען נישט זיין דען ווי הט דען רבי יהושע בן לוי גיקענט מיט דס גוף אריין קומען אונ אייבערשטן גן עדן וועט דיר וועלין קשה זיין פר וואס זענין די דאזיגע צדיקים נישט אונ אייבערשטן גן עדן נאר דס תירוץ קען מען נישט וויסן נאר דר וואס הט איין ידיעה אונ קבלה: אויך האבין אונזערי חכמים געזאגט דס גן עדן וואס איז אויף דר וועלט זענין דרינען זייער שיינע פאלישן אונ אויך פיל אבנים טובות אונ פיל ביימר אונ אלרליי בשמים אלץ איין גלייכן ווי אויף דעם עולם אונ איז אויך דרינען דער עץ החיים אונ עץ הדעת אונ דעם פלאם פון דר שווערד וואס דרייט זיך איבר וואס גאט ב"ה הט בשאפען דס מען זאל נישט קענין קומען אונ גן עדן אריין אונ עס זענין גיוועזען חכמים וואס האבן דר קלערט מיט זייער שכל ווי דס ארט פון גן עדן איז האבן זיי איין עצה געהאלטן דס זיא זאלען עסען פון עץ החיים כדי זי זאלען אייביג לעבין האבן זיי אן געהויבן צו גיין פון דעם באך פרת ארויף צו ביז זי זענין געקומען אהאלבן תחום שבת פון גן עדן הט זיי דער פלאם פון דער שווערד פאר ברענט: אן דעם קען מען אן זעהן דס די רייד פון אונזערי חכמים זענין אמת אונ מען קער נישט צו גלייבן אן די רייד פון די פילוסופים וואס לייקנן אן דס אונ דר וואס נאטס חכמה איז אין איהם דר פר שטייט גווים דס דאס איז אלץ אמת :

## חלק שני

דס אנדרי חלק פון דעם ספר רעד פון דעם גיהנם וואס מען איז דן דרינען די נשמות דען אזו וואל ווי עס איז דא איין אונטערשט

גן עדן און איין אייבערשט גן עדן אזו איז דא איין אייבערשט גיהנם און איין אונטערשט גיהנם און דם גיהנם איז איין ברענענדיג פייאר צו שטראפען דער מיט די רשעים און דם פייאר פון גיהנם קומט זייער פון איין הויך ארט אראפ און דאס פייאר איז זייער איין איידלי זאך דם עס הט מאכט צו פר ברענין די נשמה וויא וואל די נשמה איז אויך איין איידלי זאך דאך הט דם פייאר מאכט צו פר ברענין דיא נשמה דען זי איז פון דעם יסוד פון פייאר אראפ און עס זאל דיר קיין חידוש זיין ווי דם פייאר פון גיהנם קען פר ברענין די נשמה דען אונזערי חכמים האבען גיזאגט עס זעניו פר האנדען מלאכים וואס הייסן רוחות און אז זיי גייאן פר דעם פייאר בשעת זיי זאגען שירה דא ווערין זיי צו נאנגן און דעם אנדערין טאג ווערין זיי ווידר בעשאפן און זאגען ווידר די שירה, אן דעם קען מען פרשטיין ווען דם פייאר וואס הט כח צו פר ברענין דיא מלאכים מכל שכן דאס עס זאל קענין פר ברענין דיא נשמה, און אויך נישט אלע די ערטר פון גיהנם זענין גלייך, דען מען שטראפט איטליכן רשע נאך זיין רשעות נאך, דען איין רשע גיט מען אריין און ערשטן חדר פון גיהנם און איין אנדערין און דעם אנדרין חדר ווי נאך זיין רשעות נאך אזו שטראפט מען אים, און אויך איז צו וויסן אז עס זענין פר האנדען עטליכי ערליי פייאר וואס איינס איז פר ענדערט פון דם אנדערין דען עס איז פר האנדן איין פייאר וואס פר ברענט דם אנדרי אלס ווי מיר האבן דא גיזאגט און אויך איז פר האנדן איין אנדר פייאר וואס ברענט תמיד אז דם גלייכן איז גיוועזין דם פייאר וואס איז אראפ געקומן פון הימל און הט גיברענט אויף דעם מזבח אויך האבן אונזערי חכמים גיזאגט פיל וואונדר פון דם פייאר פון מזבח דען אזו האבן זיי גיזאגט אז מען האט מקריב גיוועזין איין קרבן אויף דם מזבח הט מען גיזעהן ווי עס איז גיוועזין איין גישטאלט פון איין לייב אויף דעם מזבח און הט פר ברענט די קרבנות דר פון הט מען גיוואוסט אז דם קרבן איז

מְקוּבָּל בִּרְצוֹן אונ דָם איז דָס אֵיינֶעני פַייאֶר וָוס יִשְׂרָאֵל הָאבִּין גִיזֶעהֶן בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה אונ אונזֶרִי חֲכָמִים הָאבֶּן גֶעזָאגְט אַז דָס פַייאֶר פון מַתַּן תּוֹרָה גִיט קְרַאפְט אונ לֶעבִּין צוּ דִי צַדִּיקִים דָס זֵי זָאלִין קֶענִין הַנָאָה הָאבֶּן פון דֶעם לוֹיטֶערְקֵייט פון אֵייבִּיגֶען לֶעבִּין. אונ אוֹיךְ איז פַר הַאנְדֶן אֵיין גְרִינְג פַייאֶר וָוס בְּרֶענְט גָאר נִישְׁט דָס איז דָס פַייאֶר וָוס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָט גִיזֶעהֶן וִויא דָס פַייאֶר הָט גִיבְּרֶענְט אונ דֶם דָארִין אונ דֶר דָארִין איז נִישְׁט פַרבְּרֶענְט גִיוָורִין: אונ אוֹיךְ הָאבֶּן אונזֶרִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט אַז דִי לוחות זֶענִין גִיוֶועזִין גֶעשְׁרִיבֶּן שְׁוַוארְץ פַייאֶר אוֹיף וַויס פַייאֶר. דֶען עֶס זֶענִין פַר הַאנְדֶן פִיר עֶרְלֵייא מַרְאוֹת פון פַייאֶר דְהַיְינוּ רוֹט פַייאֶר אונ שְׁוַוארְץ פַייאֶר אונ וַויִס מִיט גְרִין אונ אִיטְלִיכְס הָט אֵיין בַּזוּנְדֶר כֹּחַ וָואס איז פַר עֶנְדֶרְט פון דָם אַנְדְרִין אונ פון אַלֶעם איז צוּ ווִיסִן אַז נִישְׁט אַלֶע פַייאֶרִין זֶענִין גְלַייךְ אונ דְרוּם קֶער קֵיין חִידוּשׁ צוּ זַיין ווִי דָס פַייאֶר פון גֵיהִנָּם קֶען פַר בְּרֶענִין דִי נְשָׁמָה פון אִיטְלִיכֶן ווִי זַיין עוֹנֶשׁ איז וָוארוּם דֶער שׁוֹרֶשׁ פון דֶער נְשָׁמָה איז פַייאֶר דְרוּם קֶען זִיא גֶעלַייטֶרְט וֶוערִין דוּרְךְ דֶעם פַייאֶר פון גֵיהִנָּם. אונ אַמֵייל ווִילֶן זָאגֶן דָם מֶען איז נִישְׁט אַזוֹ דַן דִי נְשָׁמָה ווִי מִיר הָאבֶּן גֶעזָאגְט נַייאֶרְט דִי נְשָׁמָה פון דָם צַדִּיק גֵייט בַּאלְד אַרוֹיף אונ דִי נְשָׁמָה פון דִי רְשָׁעִים אַז זֵי ווִיל אַרוֹיף גֵיין דָא פַאנְגְט זֵי דֶר גַלְגַל פון דֶר זוּן אונ שְׁלַיידֶרְט זֵי פון אֵיין עֶק וָועלְט בִּיז צוּם אַנְדְרִין, אונ ווִי מִיר הָאבֶּן דָא גִירֶעט פון גֵיהִנָּם איז נִישְׁט פַר הַאנְדֶן אֵיין נְשָׁמָה וָואס זָאל נִיצוֹל וֶוערִין דֶר פון דֶען וָוען דֶר צַדִּיק הָט עֶפִּיס אֵיין שׁוּם עֲבֵירָה דָא מוּז עֶר אַרַיין גֵיין אונ גֵיהִנָּם אונ רֵיינִיגְט זִיךְ דָארְט אַז ווִי מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ אִין אֵיין מִקְוֶה אונ דִיא נְשָׁמָה פון דֶעם גַאנְץ גוּטֶן צַדִּיק גֵייט זִיא נָאר דוּרְךְ דָם גֵיהִנָּם אונ גֵייט גְלַייךְ אונ גַן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן אַרַיין אונ אַז זֵי ווִיל גֵיין אִין גַן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן אַרַיין גֵייט זֵי אוֹיךְ דוּרְךְ דֶעם גֵיהִנָּם שֶׁל מַעְלָה דֶען דָם גֵיהִנָּם שֶׁל מַטָּה איז אֵיין תִּיקוּן צוּ דֶעם גַן עֵדֶן שֶׁל מַטָּה. ואונ דָם גֵיהִנָּם שֶׁל מַעְלָה איז אֵיין תִּיקוּן צוּם גַ

עדן של מעלה דרום איז נישט פרהאנדן איין נשמה חס זאל ניצול ווערין פון דעם גיהנם נייארט צו דיא צדיקים איז עס איין תיקון אז זי זאלן קומן צו איין מעלה אונ צו די רשעים איז עס איין עונש ווי נאך זייער פר דינסט נאך, אונ אויך האבן דיא חכמים גיזאגט אז צו דם יום הדין אזו משפט מען דריי כתות צדיקים גמורים אונ רשעים גמורים אונ מיטל לייט די צדיקים שרייבט מען אן באלד צום לעבין אונ די רשעים שרייבט מען אן באלד צום טוט אונ די מיטל לייט ווארט מען זיי פון ראש השנה ביז יום כפור אז זייא טואן תשובה שרייבט מען זיי אויך אן צום לעבין אונ אז זיי טואן קיין תשובה שרייבט מען זיי אן צום טוט, אונ דם לעבין וום מיר זאגען דא מיינט מען נישט דם לעבין פון דר וועלט נייארט דאס אייביגע לעבין פון עולם הבא דען דם לעבין פון דר וועלט איז נאר נישט גירעכענט קעגין דעם אייביגן לעבן, אונ דעסט גלייכן דעם טוט וום מיר דא ריידן דר פון מיינט מען אויך נישט דם טוט פון דער וועלט נייארט דעם טוט פון עולם הבא כלומר ער האט נישט קיין עולם הבא אונ אפילו ווען איינר איז מתחלה אצדיק אונ ער ווערט דר נאך ארשע ציהט ער אוף זיך איין רוח הטומאה אונ דר רוח הקדושה גייט אוועק פון אים, אונ ווען אמענש פירט זיך אונטן גיט ציהט ער אוף זיך פון אויבין איין רוח הקדושה

## חלק השלישי

בענין סוד עולם הבא ווס דם ענין פון עולם הבא איז אונ ווס אונזערי חכמים האבין גיזאגט אז כל ישראל האבין איין חלק לעולם הבא דען עס שטייט אונ פסוק דיין פאלק די זענין אלי צדיקים די וועלין ארבין דם לאנד פון אייביג לעבין איז קשה עס זענין דיך פר האנדין ווי פיל רשעים צווישען ישראל: נוא ווי זאגט דער פסוק אז כל ישראל זענין צדיקים: נאר אמייל לערנין דעם פשט פון פסוק אזו דיין פאלק וואס זענין צדיקים כלומר די צדיקים פון דיין פאלק די וועלין ארבין דם לאנד פון אייביג לעבין:

נאר דער אמת איז ווי מיר וועלין דא זאגין:

דע זיי ווישין דס עס קען קיינער נישט ארבין דס איבינ לעבין נייארט דער וואס ווערט אן גרופען מיט דעם נאמין פון צדיק דהיינו דער וואס האלט זיך אויף פון פרעמדי תאות פון עולם הזה דהיינו פון זנות אונ פון מאכל ערלים אונ פון אנדרי זאכין אונ ווען עס קומט איהם איין עבירה צי האנדין איז ער נישט עובר ווי יוסף הצדיק עס איז עס צי האנדין גקומען איין עבירה אונ ער הט נית עובר גיוועז דרום איז ער גירופען גיווארין יוסף הצדיק דען דער מענש קען נישט אן גירופען ווערין צדיק ביז מען היט דעם ברית קודש אז מען זאל איהם נישט מטמא זיין חלילה מיט זנות אודר חלילה מיט הוצאות זרע לבטלה דען ווען איינער איז מוציא זרע לבטלה קען ער נישט זעהן די שכינה דרום קען מען דעם פשט אזו זאגין כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא דהיינו דער וואס היט דעם ברית קודש ווערט ער אן גירופען מיט דען נאמין פון ישראל דען זעה ווי גאר גרוס איז די שנאה וואס גאט ב"ה הט דעם עמלק ווייל ער הט אפ גישניטין די מילות פון ישראל אונ האט גיווארפען קעגין הימעל אונ הט פר שוועכט דעם ברית קודש:

נוא לאמיר ווידר אום קערין צו דעם וואס מיר האבין גרעט וואס דאס ענין פון עולם הבא איז אונ פר וואס עס ווערט אן גרופין עולם הבא אונ אטייל זאגין אז איבער דעם ווערט עס אן גרופען עולם הבא דס איז טייטש דער עולם וואס קומט צום מענש אז ער גייט אוועק פון דעם עולם: אבער דער אמת איז ווי מיר ווען דא זאגין דען אונזערי חכמים האבין גיזאגט אז אין עולם הבא איז קיין עשין אונ קיין טרונקען אונ קיין קנאה נייארט די צדיקים זיצין אונ ווען האבין זייער קרונען אויף זייער קעפ אונ ווען הנאה האבין פון לויטערקייט פון דער שכינה: אונ אויך האבין זיי גיזאגט אז דער סוד פון עולם הבא איז זייער הויך אונ פר הולין אונ עס איז נישט פר האנדין איין מענש וואס זאל קענין משיג זיין די מעלות פון עולם הבא וואס דערפון ווערט אוים גיצוגין דס איביגי

לֶעבִּין אוּנ שֶׁפַע בְּרָכָה קוּמט פוּן דָארט אוּנ עֶס הֶערט קֵיין מָאל נִישט אוֹיף אַז אֵיין קְוַואל וָוס דָאס וַואסֶער הֶערט קֵיין מָאל נִישט אוֹיף אוּנ דִי חַיּוּת הַקוֹדֶשׁ וֶוערִין פוּן דֶעם אוֹרְט גִישְׁפַּייזט אוּנ דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֶענִין פַר בּוּנְדִין אֵיין בּוּנְד פוּן אֵייבִּיג לֶעבִּין הָאבִּין מֵיין קֵיין הַנָאָה נִישט נָאר פוּן דֶעם אוֹרְט וָואס וֶוערְט אָן גִירוּפִין עוֹלָם הַבָּא אוּנ אוֹיף דֶעם הָט דָוִד הַמֶלֶךְ גִיזָאגט אֵיינְשׁ בֶּעט אִיךְ פוּן גָאט ב"ה אַז אִיךְ זָאל זִיצִין אוּנ גָאטְשׁ הוֹיז אָן צוּ זֶעהן אָן דָם זִיסְקֵייט פוּן גָאט אוּנ צוּ פָארְשְׁטִין אוּנ זַיין פָּלִיש אוּנ הָאט אוֹיךְ גִיזָאגְט דָם זִיסְקֵייט פוּן גָאט זָאל זַיין אוֹיף אוּנז : אוּנ דָאס מֵיינְט מֶען אַלִיץ דֶען סוֹד פוּן עוֹלָם הַבָּא דֶען עוֹלָם הַבָּא הָט פִיל נֶעמִין וַוייל עֶס הוֹיךְ אוּנ שְׁטַארק אִיז אוּנ זַיין מַעֲלָה אִיז וָוס קֵיין אוֹיג הָאט נָאךְ נִישט גִיזֶעהן נָאר גָאט ב"ה אַלֵיין :

אוּנ אוֹיךְ הָאבִּין אוּנְזֶערִי חֲכָמִים גִיזָאגט אֵיין עֶנְיָן פוּן עוֹלָם הַבָּא דֶען עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אֵיינֶער קוֹפְט זִיךְ עוֹלָם הַבָּא אִין אֵיין שָׁעָה אוּנ אֵיינֶער קוֹפְט זִיךְ אִין וִוי פִיל יָאר : אוּנ אֵיינֶער אִיז אֵיין שָׂכִיר כְּלוֹמַר עֶר אַרְבִּיט גְלַייךְ אֵיינֶער וָואס פַארְדִינְט זִיךְ אוּנ עֶר גֶווינְט דֶר מִיט כְּלוֹמַר אֵיינֶער דוֹנְט גָאט ב"ה מִיט דֶם גַאנְצִין הַארְץ וַוייל זַיין לֶעבִּין אִיז אוּנ גֶעמְט זִיךְ אָפּ זַיין שְׂכַר פַאר פִיל דְהַיְינוּ עֶר הָט עוֹלָם הַבָּא אוּנ אֵיינֶער אִיז אֵיין שָׂכִיר אוּנ עֶר הָאט שָׁדִין כְּלוֹמַר אֵיינֶער גֵייט נָאךְ זַיינֶע תַּאֲוַות לִבּוֹ וַוייל עֶר לֶעבְּט אוּנ דֶער נָאךְ אַז עֶר וֶוערט שׁוֹן גָאר אַלט אוּנ קֶען שׁוֹן קֵיין בֵּייז נִישט טָאן הֵייבְּט עֶר עֶרְשְׁט אָן פְרוּם צוּ זַיין :

אוּנ אֵיינֶער אִיז פַר הַאנְדִין וָוס אִיז זִיךְ קוֹנֶה עוֹלָם הַבָּא אוּנ אֵיין שָׁעָה דָם מֵיינְט מֶען אֵיין בַּעַל תְּשׁוּבָה וָואס עֶר טוּט תְּשׁוּבָה צוּ הקב"ה מִיט דֶעם גַאנְצִין הַארְץ דְרוּיף הָאבִּין אוּנְזֶערִי חֲכָמִים גִיזָגְט אוֹיף דֶם אוֹרְט וִוי דִי בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה שְׁטֵיין קֶענִין קֵיין רֶעכְטִי צַדִיקִים נִישט אוּנ אוּנְזֶערִי חֲכָמִים הָאבִּין גִיזָגְט אַז דֶם תַּעֲנוּג וָואס דִי צַדִיקִים וֶועלִין הָאבִּין קֶענִין אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים נִישט מַשִׂיג זַיין

זַיין דֶעם דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי צַדִיקִים זֶענִין הֶעכִיר וִוי דִי מַלְאָכִים דֶען דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי צַדִיקִים זֶענִין פוּן צְוֵויי אַרלַיי עוֹלָמוֹת דְהַיְינוּ פוּן דֶעם עוֹלָם אוּנ פוּן יֶענִים עוֹלָם דְרוּם אִיז אַיין חִידוּשׁ וָוס זֵיי זוּנְדִיגָן נִישׁט: אוֹבֶּער דִי מַלְאָכִים אִיז קֵיין חִידוּשׁ נִישׁט וָוס זֵיי זוּנְדִיגָען נִישׁט דֶען זֵיי זֶענִין נָאר גָאר פוּן יֶענִים עוֹלָם אוּנ הָאבִּין קֵיין יֵצֶר הָרָע נִישׁט:

אוּנ דוּ וֶועסט ווֶעלִין פְרֶעגִין מִיר זֶעהן דָאךְ דָאס דוּ מַלְאָכִים זֶענִין אוּנ אַיין הֶעכֶרִי מַעֲלָה אַז דוּ צַדִיקִים דֶען דוּ מַלְאָכִים זֶענִין אוֹיף דֶעם הִימֶעל אוֹיף אַיין הֵיילִיג אוֹרְט אוּנ דוּ צַדִיקִים זָענִין אוֹיף דֶער עֶרד: דֶער תֵּירוּץ אִיז דוּ צַדִיקִים הָאבִּין אַיין הֶעכֶרִי מַעֲלָה דֶען דוּ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ פוּן אַיין הֶעכֶר אוֹרְט וִוי דוּ מַלְאָכִים זֶענִין מֵעוֹלָם הָעֶלְיוֹן אוּנ דוּ צַדִיקִים קֶענִין אָן זֶעהן גָאטְשׁ כָּבוֹד וָוס דִי מַלְאָכִים קֶענִין נִישׁט זֶעהן דוּ מַלְאָכִים וֵוייסִין נִישׁט וִוי גָאטס כָּבוֹד אִיז דֶען זֵיי פְרֶעגִין אַלִיץ וִוי אִיז גָאטְס כָּבוֹד אוּנ דוּ נְשָׁמָה קֶען שׁוֹן גֶעוֶוען מַשִׂיג זַיין וִוי גָאטְס כָּבוֹד אִיז:

אוּנ אוֹב דוּ וֶועסְט ווֶעלִין פְרֶעגִין אַז דוּ נְשָׁמָה פוּן דוּ צַדִיקִים אִיז יוֹא אַזוֹ אַיין גְרוֹיסִי מַעֲלָה וָואס בַּאדַרְף גָאט ב"ה מְחַיֶה מֵתִים צוּ זַיין אַז דוּ נְשָׁמוֹת זָאלִין וִוידֶער אוּם קֶערִין אוּנ גוּף אַרַיין וָוס אִיז פַּאר פוֹילְט אוּנ דֶער עֶרד אוּנ זָאלִין וִוידֶער זַיין וִוי זֵייא זֶענִין גִיוֶועזִין בַּיי זֵייעֶר לֶעבִּין דָאס אִיז דָאךְ אַיין גְרוֹיסֶער חִסָרוֹן צוּ דֶער נְשָׁמָה אוּנ נָאךְ אֵיינְס, וִויא קֶען דָאס זַיין אַז דוּ צַדִיקִים זֶענִין אוּנ אַיין הֶעכֶרִי מַעֲלָה פוּן דוּ מַלְאָכִים עֶס שְׁטֵייט דָעךְ אוּנ פָּסוּק וִויא גָאט ב"ה הָט גֶעזָאגְט צוּ יְהוֹשֻׁעַ כֹּהֵן גָדוֹל דוּ וֶועסְט גוּט זַיין אוּנ וֶועסְט הִיטֶן מַיין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבֶּן אַז דוּ וֶועסְט קֶענִין גֵיין צְוִוישֶׁן דִי מַלְאָכִים אוּנ דֶער יְהוֹשֻׁעַ כֹּהֵן גָדוֹל אִיז דִיךְ גְוִוים אַגְרוֹסֶער צַדִיק גִיוֶועזִין נוּא וָוס הָט אִים גָאט ב"ה צוּ גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט קֶענִין גֵיין צְוִוישֶׁען דִי מַלְאָכִים דוּ זָאגְסְט דִיךְ אַז דִי צַדִיקִים זֶענִין אִין אַגְרֶעסֶערִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי מַלְאָכִים:

נָאר דָאס אִיז אַלְץ קֵיין קַשׁוֹת נִישְׁט דֶען אַז הקב"ה וֶועט מְחַיֶה מֵתִים זַיין וֶועלִין דִיא צַדִיקִים אוֹיף שְׁטֵיין מִיט זֵייעֶרִי לַייבְּרִי גוּפִים אוּנ דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט בָּטֵל וֶוערִין אוּנ זֵייא וֶועלִין נִישְׁט בְּדַארְפֶן מִלְחָמָה צוּ הַאלְטֶן מִיט אִים אוּנ דִי נְשָׁמָה וֶועט אֵיין נַחַת רוּחַ הָאבֶּן צוּ רוּאֶן אוּנ דֶם גוּף דֶען עֶר וֶועט זַיין זֵייעֶר לַייטֶר אַז וִוי דֶער גוּף פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גִיוֶועזִין אֵיי עֶר הָט גֶעזִינְדִיגְט וָוס עֶר אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר לַייטֶר אוּנ רֵיין אָן אֵיין שׁוּם אוּמְרֵיינְקֵייט אוּנ אָן אוּמְפְלָאט בִּיז דִיא נָחָשׁ הַקַדְמוֹנִי הָאט זִיךְ אָן אִים מְקַנֵא גִיוֶועזִין דֶען עֶס הָט זִיא פַר דְרָאסֶן אוֹיף דֶעם תַּעֲנוּג וָוס עֶר הָאט גֶעהַאט אוּנ הָאט אוּנ אִים אַרַיין גֶעוָוארְפֶן אִיר אוּמְרֵיינְקֵייט אוּנ אוּמְפְלָאט אָבֶּר אַז תְּחִיַת הַמֵתִים וֶועט זַיין וֶועט דֶר גוּף אוֹיף שְׁטֵיין רֵיין אָן אוּמְרֵיינְקֵייט גְלַייךְ וִוי דֶר גוּף פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גִיוֶועזִין אֵיי עֶר הָט גֶעזִינְדִיגְט אוּנ דִיא שְׁכִינָה וֶועט אוֹיף זֵיי רוּאֶן אוּנ כָּל יִשְׂרָאֵל וֶועלִין זַיין נְבִיאִים אוּנ זֵיי וֶועלִין מַשִׂיג זַיין וָוס קֵיין מַלְאָךְ קֶען נִישְׁט מַשִׂיג זַיין:

אוּנ וָוס דוּ הָאסְט גִיפְרֶעגְט וִוי קֶען דָאס זַיין אַז דִי מַעֲלָה פוּן דִי צַדִיקִים אִיז גְרֶעסֶר אַז דִי מַעֲלָה פוּן דִי מַלְאָכִים אַמֶער מִיר זֶעהְן דָאךְ דָם הקב"ה הָט דֶם יְהוֹשֻׁעַ כֹּהֵן גָדוֹל נָאר צוּ גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל קֶענִין גֵיין צְווִישֶׁן דִי מַלְאָכִים נָאר דָם אִיז אוֹיךְ קֵיין קַשְׁיָא נִישְׁט דֶען עֶס זֶענִין פַאר הַאנְדֶען גְרוֹסֶע צַדִיקִים וָואס זֶענִין זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי הקב"ה אֲפִילוּ בַּיי זֵייעֶר לֶעבִּין זֶענִין זֵייא מוֹשֵׁל אָן דִי גְזֵירוֹת פוּן הקב"ה כְּלוֹמֶר אַז הקב"ה אִיז גוֹזֵר אַגְזֵירָה רָעָה ח"ו אוֹיף דֶם עוֹלָם זֶענִין זֵיי עֶס מְבַטֵל מִיט זֵייעֶר תְּפִלָה אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן נָאךְ זֵייעֶר טוֹיט אַז זֵיי זֶענִין נָאהֶנְט צוּ גָאט ב"ה זֶענִין זֵיי עֶס גְוִויס מְבַטֵל מִיט זֵייעֶר תְּפִלָה, אוּנ דָאס הָט גָאט ב"ה צוּ גֶעזָאגְט דֶעם יְהוֹשֻׁעַ כֹּהֵן גָדוֹל דוּ וֶועסְט אִין דֶם גְלַייךְ זַיין אַז אֵיין מַלְאָךְ כְּלוֹמֶר אַזוֹ וואל אַז וֶוען גָאט ב"ה ווִיל אֵיין נֵס טוּאֶן אוֹיף דֶם עוֹלָם טוּט עֶר דוּרְךְ אֵיין מַלְאָךְ אַזוֹ וֶועט גָאט ב"ה דוּרְךְ דִיר אוֹיךְ נִסִים טוּאֶן

דָס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אִיךְ וִויל דִיר גֶעבִּין דָּס דוּ וֶועסְט קֶענֶין גֵיין צְווִישֶׁן דִי מַלְאָכִים וִוי מִיר הָאבֶּן דָא גֶעזָאגְט אָבֶּר אוּנ אֱמֶת דֶעם תַּעֲנוּג וָוס דִי צַדִיקִים וֶועלִין הָאבֶּן אוֹיף עוֹלָם הַבָּא קֶען נִישְׁט מַשִׂיג זַיין קֵיין שׁוּם מַלְאָךְ אַז הקב"ה זָאל אוּנְז אוֹיךְ מְזַכֶּה זַיין אַז מִיר זָאלִין הָאבֶּן אֵיין חֵלֶק דְרִינֶן אוּנ זָאל מְקוּיָם וֶוערִין דֶר פָּסוּק וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יְיָ אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד:

# חלק הרביעי.

דָס חֵלֶק רֶעט וָוס אִיז דָס עִנְיָן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים דִי צַדִיקִים וָוס וֶועלִין אוֹיף שְׁטֵיין וֶועלִין זֵיי זַיין וִוי זֵי זֶענֶין גִיוֶועזְן בַּיי זֵייעֶר לֶעבִּין, אוּנ דִי רְשָׁעִים וֶועלִין נִישְׁט אוֹיף שְׁטֵיין. קֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים דִיא מִינִים אוּנ דִיא אַפִּיקוֹרְסִים אוּנ דִי וָוס זָאגִין עֶס אִיז נִישְׁט אִיבֶּר גֶעוִויזִין אוֹיס דֶר תּוֹרָה אַרוֹיס אַז עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים אוּנ עֶס אִיז נָאךְ פַר הַאנְדֶן רְשָׁעִים וָוס וֶועלִין נִישְׁט אוֹף שְׁטֵיין קֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים אוּנ דָאס תְּחִיַּית הַמֵּתִים אִיז גֶעדְרִינְגֶן אוֹיס דֶר תּוֹרָה אַרוֹיס אוּנ אוֹיךְ פוּן דִי נְבִיאִים, אוּנ אוֹךְ אִיז גֶעדְרִינְגֶן פוּן יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא דֶען עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וִויא יְחֶזְקֵאל אִיז גֶעקוּמֶן צוּ אֵיין טָאל אִיז גִיוֶועזִין פוּל מִיט בֵּיינֶר פוּן מֶענְשֶׁן הָט גָאט ב"ה אִים גֶעהֵייסִין עֶר זָאל אוֹף זֵיי נְבִיאוֹת זָאגֶען אַז זֵיי וֶועלִין לֶעבְּדִיג וֶוערִין אַזוֹי אִיז גִיוֶועזִין זֵיי זֶענֶין אַלֶע לֶעבְּדִיג גֶעוָוארִין, אוּנ דִי וֶועטְס וֶועלִין פְרֶעגִין בִּשְׁלָמָא יְחֶזְקֵאל הָט מְחַיֶּה מֵתִים גִיוֶועזִין דֶען עֶס הָט גֶעהַאט אוֹיף עֶפִּיס דִי בְּרָכָה חָל צוּ זַיין דֶען דִי בֵּיינֶר זֶענִין נָאךְ אַלֶע גַאנְץ גִיוֶועזִין אָבֶּר וִוי וֶועלִין טוּאֶן דִי צַדִיקִים וָואס זֶענִין שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁטָארְבֶּן אוּנ דִי בֵּיינֶער זֶענִין פַר פוֹילְט גִיוָוארִין אוּנ דֶר עֶרְד אוּנ מִיר ווייסֶן דָס גָאט טוּט נִישְׁט אֵיין נֵס פוּן אוּבֶן בִּיז עֶס אִיז נִישְׁט פַר הַאנְדֶן אֵיין זַאךְ אוֹיף דֶער עֶרְד וָוס עֶס זָאל הָאבֶּן אוֹיף עֶפִּיס דִי בְּרָכָה חָל צוּ זַיין, נוּא וִויא וֶועלִין טוּאֶן דִי מֵתִים וָואס זֶענִין שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁטָארְבֶּן אוּנ אֲפִילוּ זֵייעֶרִי בֵּיינֶר זֶענִין פַר פוֹילְט גִיוָוארִין אוֹף וָוס וֶועט הָבִּין דֶר נֵס פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים חָל צוּ זַיין:
דֶר תֵּירוּץ אִיז עֶס אִיז פַר הַאנְדֶן אֵיין קְלֵיין בֵּיינְדִיל בַּיי דֶם מֶענְשׁ אוּנְטֶן אוּנ דֶער שִׁדְרָה וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּנ עֶס קֶען גָאר נִישְׁט פַר פוֹילְט וֶוערִין דֶען מֶען הָט עֶס אֵיין מָאל גֶעפְּרִיבְט מֶען הָט דָס בֵּיינְדִיל גֶעוָואלְט פַר בְּרֶענִין הָאט מֶען נִישְׁט גִיקֶענְט הָאט מֶען עֶס גֶעוָואלְט צוּ קְלַאפְּן מִיט אֵיין הַאמֶר אַזוֹ אִיז דֶער הַאמֶר צוּ בְּרָאכְן גֶעוָוארִין אוּנ דָס

ביינדיל האט זיך נישט געעירט דרום קען מען זעהן ווי גאר שטארק דאס ביינדיל איז דאס עס קען קיין מאל נישט אוועק קומען, און פון דעם ביינדיל וועט דער מענש גיבויאט ווערין אז ער וועט אויף שטיין תחית המתים און אונזערי חכמים האבין געזאגט אז הקב"ה וועט מאכן נידרין טוי פון דר ליכט פון אויבן און די טוי וועט גיין אויף דעם ביינדיל און עס וועט צו גיין און וועט ווערין אז וויא זוייער טייג און וועט אלע מאל גרעסר און ברייטר ווערין ביז עס וועט ווערין איין גאנצר מענש דרוים און דר נאך וועלין זיי זיך וועלגרין אונטר דר ערד ביז קיין ארץ ישראל און דארט וועלין ערשט אלע די מתים לעבדיג ווערין גאט זאל געבין עס זאל באלד זיין און אונזר טעגין אמן:

רבי יהושע בן מנסיא זאגט אז די מתים וועלין לעבדיג ווערין וועלין פריר אויף שטיין די מתים וואס ליגן אין דר שטאט חברון דאס מיינט מען אדם הראשון און אברהם און יצחק און יעקב און זייערי ווייבער, ודער נאך וועט הקב"ה ריינגן ארץ ישראל פון נבלות און פון אלע טומאת און וועט אוים שאקלן ווי מען שאקילט אוים איין קלייד פון שטויב. און דר נאך וועלין אויף שטיין די מתים וואס זענין באגראבן און ארץ ישראל די וואס זענין נישט געשטארבן דורך דעם מלאך המות דען דער מלאך המות האט קיין שליטה נישט איבר ארץ ישראל. און דר נאך וועט הקב"ה מאכן לעבידיג די מתים וואס ליגן און חוץ לארץ:

אויך האבן אונזערי חכמים געזאגט אז אפילו די פושעי ישראל עלין אויך אויף שטיין תחית המתים אבער נאר די דאזיגי וואס זענין פושעי ישראל בגופן דהיינו די וואס לייגין קיין תפילין נישט אדר זייער גלייכן, אבער די פושעי ישראל וואס האבן די תורה מבזה גיוועזין און זענין געשטארבן אן תשובה און האבן קיין קינד געלאזט אז עס זאל אויף זי מכפר זיין אדר די דאזיגי וואס לייאן אויף רוחים און זייער גלייכן אפילו ווען זיי זענין באגראבן און ארץ ישראל וועלין זיי אויך נישט אויף שטיין קיין תחית המתים נייארט דיא ערד ווערט זיי ארוים ווארפן ווייל זיי זענין געשטארבן אן תשובה, אבער ווען זיי טואן יוא תשובה אזו נעמט זיי הקב"ה אן דען עס איז נישט פר האנדן איין זאך וואס עס זאל דרויף קיין תשובה נישט העלפין און די דאזיגי וואס האבן און זון געהאט תשובה צו טואן און האבן נישט געקאנט קיין תשובה טואן ביז זיי זענין געשטארבן דיא דאזיגי וועלין אויך אויף שטיין און וועלין האבן חרפות און יסורים ביז זי וועלין ערשט רעכט תשובה טואן, אבר כל ישראל זענין און דר

חנפה אז זיי האבן תשובה געטאן נאר חוץ די אפיקורסים און עזות פנים דס און איטליכן דור וועגין וס וועגין הארט נאקדיג און טואן קיין תשובה נישט אפילו ווען זי שטארבן און די מענשן פון דר גאנצע וועלט וועלין אלע אויף שטיין תחיית המתים נאר חוץ פון דעם דור המבול און דם דור הפלגה און די לייט פון סדום די. וועלין נישט אויף שטיין, דם דור המדבר דיא וועלין אויך האבען עולם הבא און וועלין אוף שטיין צום משפט און בלייבן לעבין בתחיית המתים, און זייער עלצטי דאס מיינט מען משה רבינו און אהרן הכהן וועלין קומן מיט זיי און וועלין פריר גיין: און די אלע זאכן וס מיר האבען דא געזאגט דם איז אלץ געשריבן און די מדרשים פון אונזרי חכמים וס זייא האבן עס געוואוסט און זייא האבן עס פר שפרייט און אלע מדרשים. הקב"ה הט אונז מבטיח גיוועזן מיט כל הבטחות וואס אין עולם איז דורך זיינע נביאים אז ער זאל זיך פרייאן מיט זיינע קינדר ישראל און די שמחה וועט זיין אימר און אייביג און וואס מיין דם גלות איז וועט נאך אלץ מיין זיין די שמחה וואס מיר וועלין האבן אלף אלפים ורבי רבבות מאל אזו פיל וויא די צרות וענין גיוועזן גאט ב"ה זאל געבין עס זאל זיין און אונזרי טעגין אמן:

## ספר שלישי

רבי יוחנן הט גיזאגט וואס מיינט דר פסוק גדולות עד אין חקר נסים ונפלאות עד אין מספר דם איז טייטש גאט ב"ה טוט גרוסי נסים און פיל וואונדר וס אן צאל איז דם מיינט מען די נסים וס הקב"ה טוט מיט דעם מענש אז ער ווערט בשאפן: דען ווען דר מענש וויל ליגן מיט זיין ווייב דא טוט הקב"ה איין ווינק צו דעם מלאך וס ער איז גיזעצט איבר דעם טראגן און זיין נאמן איז לילה און הקב"ה זאגט צו איהם זיי וויסן דם אין דר נאכט וועט בשאפן ווערין דר מענש און דר זרע און דיא זאלסט היטן דעם טראפן פון דר זרע אזו באלד נעמט דר מלאך דעם טראפן און ברענגט איהם פר הקב"ה און זאגט צו איהם רבונו של עולם איך האב אזו גיטאן וויא די האסט מיר גיבאטן: בכן זיי גוזר וס עס וועט זיין דער טראפן צו וועט זיין אזכר אדר אנקבה: איין שלאפר אדר איין גבור. איין עושר אדר איין ארומאן. איין שיינער פרשון אדר איין מיסער פרשון. לאנג אדר קורץ. אבר איין צדיק און רשע זאגט גאט נישט דען דם איז ביי דעם מענש און דר האנד אז ער וויל איז ער איין צדיק און אז ער וויל איז ער איין רשע. דא באלד וויא דער מלאך אזו פרענט הקב"ה דא ענפרט איהם הקב"ה וס דר וועט זיין. און הקב"ה

טוט ווידר איין ווינק צו דעם מַלְאָךְ וָוס אִיז גִיזֶעצְט אִיבֶּר דִי נְשָׁמוֹת אונ זָאגְט צוּ אִיהְם גֵיי אִין גַן עֵדֶן אַרַיין אונ בְּרֶענְג מִיר דִי אונ דִי נְשָׁמָה וָוס זִי הֵייסְט אַזוֹ אונ אִיר גִישְׁטַאלְט אִיז אַזוֹ דֶען אַלֶע דִי נְשָׁמוֹת דָס ווֶעלִין גֶעבּוֹרִן וֶוערִין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶן אַלֶע זֶענִין אָן גֶעבֵּרֵייט פַאר הקב"ה וָוס זָאלִין גֶעבּוֹרְן וֶוערִין. אַזוֹ בַּאלְד גֵייט דֶר מַלְאָךְ אִין גַן עֵדֶן אַרַיין אונ בְּרֶענְגְט דִי נְשָׁמָה פַר הקב"ה אַזוֹ בַּאלְד ווִי דִי נְשָׁמָה קוּמְט צוּ הקב"ה דָא קְנִיאֶט זִיא אונ בּוּקְט זִיךְ פַר הקב"ה דָא זָאגְט הקב"ה צוּ דֶר נְשָׁמָה זִיא זָאל אַרַיין גֵיין אונ דֶען טְרָאפֶּן וָוס דָא אִיז אונ דֶר הַאנְד פוּן הקב"ה. אַזוֹ עֶפִינְט דִי נְשָׁמָה אִיר מוֹיל אונ זָאגְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם לָאז מִיךְ לִיבֶּר דָא בְּלַייבֶּן אוֹיף דֶעם וָוס אִיךְ בִּין דָא זִינְד דוּ הָאסְט מִיךְ בַּשַׁאפֶן. אונ דַיין גוּטֶר ווִילֶן אִיז בְּרֶענְג מִיךְ נִישְׁט אַרַיין אונ דֶעם פַר שְׁטִינְקִידִיגֶן טְרָאפֶּן דֶען אִיךְ בִּין הֵיילִיג אונ רֵיין. דָא זָאגְט הקב"ה צוּ דֶר נְשָׁמָה אוֹיף דֶעם עוֹלָם וָואס אִיךְ ווִיל דִיךְ דָא בְּרֶענְגֶן אונ דֶעם עוֹלָם אִיז פַאר דִיר זֵייעֶר גוּט נָאךְ בֶּעסֶר ווִי דֶר עוֹלָם וָוס דוּ בִּיסְט אַצוּנְד אונ אִים. אונ זִינְד אִיךְ הָאבּ דִיךְ בַּאשַׁאפֶן פוּן דֶעם טְרָאפֶּן וֶוענִין. אַזוֹ בַּאלְד בְּרֶענְגְט אִים הקב"ה מִיט גֶעווַאלְד אַרַיין אונ דֶעם טְרָאפֶּן אַרַיין אונ דֶר מַלְאָךְ נֶעמְט דֶעם טְרָאפֶּן אונ טוּט אִיהְם ווִידֶר צוּרִיק אונ דֶר מוּטֶר אַרַיין אונ דָאס בְּרֵייט מֶען אָן צְווֵיי מַלְאָכִים אַז זֵיי זָאלִין אִיהְם הִיטֶן דָס דִי מוּטֶר זָאל אִים נִישְׁט מַפִּיל זַיין אונ מֶען גִיט אִיהְם אֵיין לֶעכְט זָאל בְּרֶענִין אוֹיף זַיין קָאפּ אונ עֶר זֶעהְט פוּן אֵיין עֶק ווֶעלְט בִּיז צוּ דֶר אַנְדְרֶער:

און אִין דֶר פְרִיא נֶעמְט ווִידֶר דֶר מַלְאָךְ דִיא נְשָׁמָה און פִירְט זִיא אִין גַן עֵדֶן אַרַיין אונ ווַייזְט אִיהְם ווִי דִיא צַדִיקִים זִיצֶן אונ הָאבֶּן זֵייעֶרִי קְרוֹנֶען אוֹיף זֵייעֶרִי קֶעפּ אונ זִיצֶן זֵייעֶר בְּכָבוֹד דָא זָאגְט צוּ אִיהְם דֶער מַלְאָךְ קֶענְסְטוּ דִי דָאזִיגֶע זָאגְט זִי נֵיין זָאגְט דֶר מַלְאָךְ וצוּ דֶר נְשָׁמָה דִי דָאזִיגֶע צַדִיקִים זֶענִין אוֹיךְ גִיוֶועזִין אוֹיף דֶעם עוֹלָם וָוס דוּ גֵייסְט אַהִין אונ זֵיי הָאבֶּן גִיהִיט דִיא תּוֹרָה אונ מִצְוֹת אונ דְרוּם הָאבֶּן זֵיי זוֹכֶה גִיוֶוען צוּ דֶעם כָּבוֹד אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ הִיטֶן דִי תּוֹרָה אונ מִצְוֹת אונ אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶר וֶועלְט וֶועסְטוּ אוֹיךְ דֶעם כָּבוֹד הָאבֶּן אונ וֶועסְט אוֹיךְ מִיט זֵייא זִיצֶן אונ אֵיין חַבְרוּתָה. אונ אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט גוּט זַיין וֶועסְטוּ גֵיין אוֹיף אֵיין אַנְדֶר אָרְט:

און אוֹיף דֶר נָאכְט פִירְט דֶר מַלְאָךְ דִי נְשָׁמָה אונ גֵיהִנָם אַרַיין אונ ווַייזְט אִיהְם דִיא רְשָׁעִים ווִי דִיא מַלְאֲכֵי חַבָּלָה שְׁלָאגֶן זֵיי מִיט פַייאֶרְדִיגֶע שְׁטֶעקִין אונ זֵיי שְׁרַייאֶן ווַייא ווֵייא צוּ אוּנְזֶערִי זִינְד אונ קֵיינֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְרַחֵם אִיבֶּר זֵיי. אונ דֶר מַלְאָךְ זָאגְט ווִידֶר צוּ דֶר נְשָׁמָה קֶענְסְטוּ

די לייט זאגט זי גיין זאגט דר מלאך צו דר נשמה די לייט זעהן ניטעזין אויף דעם עולם ווי די ווערסט אהין גיין און זיי זענען גיוועזין רשעים אונ האבן נישט גיהיט די תורה אונ מצות פון הקב"ה דרום זענען זיי געקומן צו די יסורים אונ חרפות וואס דו זעהסט:

דבן זאלסטו וויסן אז דו גייסט אויף דעם עולם זאלכסטו זעהן אז דו זאלסט זיין איין צדיק אונ נישט איין רשע אזו ווערסטו אייביג לעבין אונ דר מלאך שפאצירט מיט דר נשמה פון פריה ביז נאכט אונ ווייזט איר די גאנצע וועלט אונ ווייזט איר דם ארט ווי מען ווערט זי באגראבן אז זיא ווערט פון דר וועלט אוועק גיין אונ אויף דר נאכט גייט זיא אוועק אונ דר נאך גיבט ער זיא ווידר צוריק אין דר מוטרס לייב אריין אונ דם קינד זיצט אונ מוטרס לייב ניין חדשים. אונ עס עסט וואס דיא מוטר עסט אונ טרינקט פון וואס דיא מוטר טרינקט אונ ער הט קיין יציאה נישט ווארום זונסט ווערט די מוטר געשטארבן דם מיינט דר פסוק גאט ב"ה טוט וואונדר אונ צייכן מיט דעם מענש וואס איז גאר אן צאל:

אונ אז עס קומט די צייט דם דם קינד זאל אויף דר וועלט ארויס גיין דא קומט דער מלאך צו איהם אונ זאגט צו איהם עס איז געקומן די צייט אז דו זאלסט פון דאנין ארויס גיין אויף דר וועלט ארויס אזוי באלד שלאגט איהם דער מלאך אויף זיין מויל אזו פר געסט ער אלץ וואס ער הט גיזעהן אונ פר לעשט דם לעכט וואס הט גיברענט אויף זיין קאפ אונ דער מלאך ציהט איהם אויס דער מוטרס לייב אונ דם קינד ווינט אויף דעם עולם וואס ער גייט אוועק פון אים אונ ווייא ער קומט אויף דר וועלט דא זעהט ער פר זיך זיבן ערליי וועלטן:

דיא ערשטי וועלט איז ביז ער ווערט איין יאר אלט דא איז ער גלייך צו איין מלך דען איטליכר הט אים זייער ליב אונ קושט אים אונ האלזט אים אונ טוט אים זיין ווילן. דיא אנדרי וועלט איז נאך דעם ער ווערט איין יאר אלט איז ער גלייך צו איין חזיר דען ער שפילט זיך צווישן אש אונ מיסט אונ ער איז איין גירעכט מיט שטויב אונ ער רירט אלדינג וואס ער זעהט. די דריטע וועלט איז ער גלייך צו איין ציג דען ער שפרינגט הין אונ הער ווי איין ציג. דיא פערדי וועלט איז ער גלייך צו איין פערד וואס לויפט אים אן שכל אזו מאכט ער זיך צום נאר אז ער איז יונג. דם גווערט אזו ביז ער ווערט אלט אכצעהן יאהר. די פיפטע וועלט איז ער גלייך אז איין אייזיל דען ער נעמט שוין איין ווייב אונ הט קינדר אונ מוז פאר זייא פרנסה טראכטן דא הט ער אויף זיך איין עול ווי איין אייזיל וואס טראגט אויף זיך אלץ משאות. די זעקסטי וועלט

איז ער גלייך צו איין הונד דען ער האפט בייא דעם אונ גיבט דעם את ביי דעם גנבית ער אונ דעם גזלת ער אונ שעמט זיך נישט. די זיבעגטי וועלט איז ער גלייך צו איין אף אויף דר עלטר. ווערט אים זיין גישטאלט פר ענדרט אונ איטליכר איז אידם מבזה. אפילו דיא קינדר לאכן אוים אידם אונ אפילו איין פייגעלי וועקט אידם אויף אוים זיין שלאף. לסוף קומט זיין צייט אז ער זאל שטארבן דא קומט צו אידם ווידר דר מלאך אונ זאגט צו אידם קענסטו מיך זאגט ער יוא פרעגט ער אים וואס ביסטו געקומן זאגט ער צו אים איך בין געקומן דיך אוים צו ציהן פון דר וועלט, אונ דר מענש זאגט צום מלאך דו האסט דאך מיך אוים געצויגן שוין פון צוויי וועלטין אונ האסט מיך געבראכט אויף דר וועלט אונ היינט ווערסטו מיך ווידר פון דר וועלט אויך אוועק ברענגין. זאגט דר מלאך צו אידם איך האב דאך דיר גזאגט דאס איבר דאנק מיסטו בשאפן ווערין אונ איבר דאנק מיסטו געבורין ווערין אונ איבר דאנק מיסטו לעבין אונ איבר דאנק מיסטו שטארבן אונ איבר דאנק מיסטו געבין דין אונ חשבון פאר מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא:

**אמרי** חכמים האבין גזאגט דרייא חברותות זענין בייא דעם מענשין הקב"ה אונ זיין פאטר אונ זיין מוטר אונ צעהן זאכען זענין אונ דעם מענשין פון הקב"ה אונ צעהן זאכען זענין פון די פאטר אונ מוטר:

**דער** פאטר בשאפט אין אידם פינף זאכען דם זענין די ווייסע זאכען וואס אין מענש זענין דהיינו די ביינר אונ די אדערין אונ די נעגיל אונ די געהירן פון קאפ אונ דם ווייסל פון די אויגן:

**דיא** מוטר בשאפט אונ אידם פינף רוטע זאכן דהיינו די הויט אונ דם פלייש אונ די האר אונ דם בלוט אונ דם שווארצי פון די אויגן:

**אונ** הקב"ה בשאפט אונ אידם צעהן זאכן דהיינו דעם כח אונ דם נפש אונ די נשמה וואס איז מוח אונ דם גישטאלט פון פנים אונ דם זיכט פון די אויגן אונ דאס הערין פון די אויערין. אונ די רייד פון די לעפצין אונ דם גיין פון די פים אונ די דעה דם מיינט מען דם ער ווייסט דאס גאט איז גאט אונ בינה דאס מיינט מען פר שטענדיגקייט ער פר שטייט איין זאך דורך דר אנדרר אונ אויך השכל דם מיינט מען ער פר שטייט מיט דעם שכל אלדינג אונ אז דער מענש שטארבט דא נעמט זיך הקדוש ברוך הוא אפ זיין חלק אונ דם חלק פון די פאטר אונ מוטר בלייבט ליגן פר זיי. הקדוש ברוך הוא זאל אונז מזכה זיין צו עולם הבא אונ צו דער גאולה אז דאס בית המקדש זאל גיבויאט ווערין במהרה בימינו אמן ואמן:

**תם ונשלם**